STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04501

SHTRALEN

S. Machlin

Permanent preservation of this book was made possible
by Murray & Ann Spain
in memory of
Isaac & Leah Weiner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שטראַלען

— פון —

ס. מאַכלין.

ניו יאָרק
1919

Copyrighted, 1919, by S. Machlin

אינהאַלט:

א.

א געטליכער שטראַל — 7
איך בין פון די — 11
איך שטרעב — 13
אַפּטמאָל — 25
א חלום — 31
אין קינעמאַטאָגראַף — 35
אין זומפּ — 39
איין וואָרט נאָר — 75
א הויז אָהן קינדער — 62
אין וועג — 63
איך האָס די ליעדער — 68
א דאַטשע־העלד — 73
אַדיע! — 79
אזוי איז ער א איד — 80
איך האָב דערצעהלט — 84
א פּאָעט — 93
אין יענעם טאָג — 98
איהר קריעגט פאר געלד — 104
איך בין א זוהן — 108

ב.

ביינאַכט — 21
ביי מיר — 61
בעט ניט קיין פּאַרציייהונג — 83

ג.

גוט־מאָרגען — 9
גליק — 10
גערדיינקסטו? — 71

ד.

דער ערשטער קוש — 51
דו האָסט געלאַכט — 54
דו קושט מיך — 75
דער אידעאַלער מאַן — 87
די גרעסטע שאַנדע — 89
דער אומגעווינשטער איד — 90
דער איד — 94
די נייעסטע ערפינדונג — 96
די וועלט — 105

ו.

וואַרף אראָפּ — 24
ווייל איך וויל און טרוים אזוי — 30
ווערטער — 33
וואָרום? — 40

ווען איך געה נאָר — — — — — — — — — — 48
וויעדער, וויעדער — — — — — — — — — 56
וויעגט א טאַטע — — — — — — — — — — 99
ווערטלעך אין גראַמען — — — — — — — — — 111

ז.

זאָלסט ניט קומען מעהר — — — — — — — — — 58
זי און ער — — — — — — — — — — — — 77
זאָלסט ניט וויינען — — — — — — — — — — 69
זי איז — — — — — — — — — — — — — — 107

ל.

ליעב — — — — — — — — — — — — — — 45
לעז מיר פאָר — — — — — — — — — — — 81

מ.

מיין ערשטע ליעד — — — — — — — — — — 8
מיין זכרון — — — — — — — — — — — — 16
מיין קערפער — — — — — — — — — — — 17
מורא — — — — — — — — — — — — — — 23
מיין מוזע — — — — — — — — — — — — 26
מיין נייער פריינד — — — — — — — — — — 37
מיינע שפיעלצייג — — — — — — — — — — 41
מיינע תאוות — — — — — — — — — — — 66
מיין ליעבלינג־פּאָעט — — — — — — — — — 67
מאָרגען... — — — — — — — — — — — — 86
מיט א לשון — — — — — — — — — — — 103
מיין לאַנדסמאַן — — — — — — — — — — 106

נ.

נאָך א שטערען — — — — — — — — — — 59
נאָר דאָס ניט — — — — — — — — — — 85

ע.

עס קען ניט זיין — — — — — — — — — — 46
ער ליעבט אין איהר — — — — — — — — — 76
עקסטרא, עקסטרא! — — — — — — — — — 95
עפּיטאַפיע — — — — — — — — — — — 109
עפּיטאַפיע — — — — — — — — — — — 110

ש.

שטויבט אראָפּ פון זיך — — — — — — — — 19
שרעקסט מיך אָפּ — — — — — — — — — — 53
ששש... — — — — — — — — — — — — — 60
שטעל דעם זייגער — — — — — — — — — — 74
שבת־קודש — — — — — — — — — — — — 82

צ.

צום זומער — — — — — — — — — — — — 28
צוקריעגסטו זיך — — — — — — — — — — 101

ת.

תפילה — — — — — — — — — — — — — 14
תפילה — — — — — — — — — — — — — 54

"O happy world, . . .
All, meseems, are happy;
I—the happiest of them all."

—TENNNYSON.

ס. מאַבלין

א געטליכער שטראַל

א געטליכער שטראַל איז אין האַרץ מיר אריין,
נאָר זעלטען־ווען פיהל איך זיין גליה און זיין שיין.

דער שטראַל ליגט אם מעהרסטען אין הארצען גאַנץ שטיל
און שאַפט זיך בסוד דאָרט זיין מיסטישען ציעל...

נאָר וואַכט אין מיר אויפעט דער שטראַל ווען־ניט־ווען,
דאַן קען איך מיין האַרץ פון זיין שיינען דערזעהן...

איך זעה דאַן די בלומען, די אוצרות אָהן שיער,
וואָס זיינען פאַרבאָרגען אין האַרצען ביי מיר.

און אָפט, ווען דער שטראַל גליהט נאָר מעכטיג און העל,
ווען ער לעשט זיך ניט אוים אין מיין האַרץ נאָר צו־שנעל,

דאַן קלייב איך זיך אוים א מתנה פון דאָרט,
א רויז פון א פרעכטיגען, זעלטענעם סאָרט.

און ניט מיך נאָר אליין קוויקט איהר פראַכט, איהר פאַרפיום:
עס געניסט אויך די וועלט פון דער פרעכטיגער בלום.

מיין ערשטע ליעד

מיין ערשטע ליעד זאָל זיין אַ שבח צום לעבען,
מיין ערשטע ליעד זאָל זיין פול פרייד באַזעעלט,
מיין ערשטע ליעד זאָל זיין אַ זיסער צוזאַג,
אַ שעהנער אויפגאַב צו דער שעהנער וועלט.

מיין י ע ד ע ליעד וואָס כ'וועל דער וועלט נאָר זינגען —
און כ'גלויב די וועלט וועט הערען אַפט פון מיר —
וועט שאַלען נאָר פון לעבענ'ס־פרייד און צויבער,
מיין יעדע ליעד זאָל זיין אַ קוש פאַר איהר...

כ'ליעב ניט טריעבע, קלאַגענדיגע ליעדער,
כ'וויך מיט שרעק פון דיכטער בייז און באַנג:
אַ טרויער ליעד — דאָס איז אַ בייזע קללה,
אַ טריעבער דיכטער — איז אַ בייזע שלאַנג...

אַ דיכטער איז נאָר דער, וואָס פיהלט נאָר אימער
די וועלט מיט נאָר איהר צויבער, גאָר איהר פּראַכט:
אַ דיכטער איז נאָר דער, וואָס בענשט נאָר אימער
און האָט אַהן שיער נאָר גלויבען, ליעבע, מאַכט.

אַ דיכטער דאַרף צום גליק, צו פרייד נאָר וועקען,
ער מוז נאָר אימער שטאָלץ און זיכער זיין —
און צו די אימער־שטאָלצע, יונגע דיכטער,
רעכען איך אויף אייביג זיך אַריין...

ס. מאַכלין

גוט מאָרגען

גוט מאָרגען דיר, שטראַלענדער, הייליגער הימעל,
גוט מאָרגען דיר, מילדער און לוסטיגער ווינד.
גוט מאָרגען דיר, ליעבע און טייערע מאַמע,
גוט מאָרגען דיר, סאָפיע, מיין ליעבסטע, מיין קינד...

גוט מאָרגען אייך, שכנים, פון ווייט און פון נאָהענט,
גוט מאָרגען אייך, ווייטע און נאָהענטע פריינד.
גוט מאָרגען דיר, מעכטיגער, פרעכטיגער קעניג,
גוט מאָרגען אויך אייך, מיינע נאַרישע פיינד...

גוט מאָרגען, גוט מאָרגען, צו אַלעם און יעדען,
וואָס איז נאָר פון לעבען באַשטראַלט און באַזעלט;
געבענשט זאָל זיין אַלעם און יעדער אויף אייביג,
וואָס מאַכט אַזוי הייליג און ליעב מיר די וועלט.

גליק

איך דאַרף דעם גליק ניט פאַהרען זוכען
איבער לענדער, ימים, ווייט —
איך פיהל איהם שטענדיג אין מיין האַרצען,
ער שיינט פאַר מיר צו יעדער צייט.

וואוהין איך ווענד נאַר מיינע אויגען,
שיינט אנטקעגען מיר דער גליק:
איך זעה איהם אין מיין ליעבסטער'ס פנים,
איך זעה איהם אין מיין מאַמע'ס בליק.

ער שיינט מיר אין א זילבער־וואָלקען,
ער שיינט מיר אין א בלום, א בוים:
איך פיהל דעם גליק אין הערבסט, אין פריהלינג,
איך פיהל איהם אין מיין שלאָף און טרוים.

איך זעה דעם גליק אויף אלע וועגען:
איך זעה אויך גליק אין פ י י ן און נ ו י ט —
עס פאַרשפּרעכט מיר גליך אפילו
אויך דער שוואַרצער, בייזער טויט...

ס. מאַכלין

איך בין פון די

איך בין פון די, פאר וועמען ס'איז דאָס לעבען
א פּרעכטיגער, א הערליכער געזאַנג,
געזונגען פון דער ערד און פון דעם הימעל,
פאַרפאַסט נאָך מיין געשמאַק און מיין פאַרלאַנג...

איך בין פון די, וואָס האָבען אין דעם לעבען
דערזעהן דעם רייכען זין, דעם שעהנעם ציעל:
ס'אַנטפּלעקט פאר מיר דאָס לעבען גאָר זיין רייכטום,
און איך טו זיך מיט די אוצרות, וואָס איך וויל.

וואוהין איך זאָל ניט ווענדען מיינע אויגען,
שטראַלט אַנטקעגען מיר דעם לעבען'ס פּראַכט און חן.
אַלסדינג וואָס כ'וועל נאָר קריגען ווען פון לעבען,
וועט אויף אייביג מיר פאַרבלייבען הייליג־שעהן.

איך בין אזוי באַרוישט, ענטציקט פון לעבען:
איך קוש אַלסדינג וואָס כ'זעה נאָר ארום זיך.
איך ליעב אַלסדינג וואָס פּילט נאָר אוים דעם לעבען,
זיין יעדען דראַנג, זיין יעדען פּונקט און שטריך...

שטראַלען

איך ליעב אַלסדינג וואָס לעבט, באַוועגט זיך, אָטעמט,
אַלסדינג וואָס דופט און בליהט און שיינט און קוויקט:
איך ליעב די העלע, צויבערליכע פאַרבען,
און כ'ליעב די פאַרב, די מאַכט וואָס דריקט און שטיקט...

איך ליעב אַלסדינג וואָס כ'קען פאַרשטעהן און פיהלען,
און אַלץ וואָס איז פאַרשטעלט פון מיר און וויית —
איך ליעב די געגענוואַרט, די אומבאַקאַנטע צוקונפט,
און כ'ליעב די זיסע אָפּגעלעבטע צייט.

אַ יעדע זאַך וואָס עס קען מיין מויל דערמאָנען,
פאַרגעטער איך און ליעב גאָר אָהן אַ שיער,
כ'וועל עס ליעבען ביז מיין אָטעם־צוג דעם לעצטען,
ביז דאָס לעבען וועט נאָר שטראַלען אַרום מיר...

איך בין פון די, פאַר וועמען ס'איז דאָס לעבען
אַ צויבערליכער, הייליגער געזאַנג —
און אונזער מין וועט אייביג זיך פאַרמעהרען,
דאָס איז מיין שעהנסטער גלויבען און פאַרלאַנג.

ס. מאַכלין

איך שטרעב

איך שטרעב נאָך דאָס שעהנסטע פון דער וועלט און דעם לעבען,
נאָר איך וויל ניט, אז גאָט זאָל אומזיסט עס מיר געבען.

איך דאַרף ניט קיין גרינגע, קיין געשאָנקענע גליקען ;
זיי קענען מיך ווייניג־וואָס פרעהען און קוויקען.

געשאָנקענע גליקען — דאָס זיינען נאָר רויזען
וואָס האָבען פון ווייטען א רייצענדען אויסזעהן.

זיי קענען פון ווייטען מיין בליק נאָר ענטציקען,
עס קען זייער דופט מיין נשמה ניט קוויקען.

זיי האָבען פאַרלאָרען דעם ריח דעם זיסען :
מען האָט זיי די הערצער אויף שטיקלעך צוריסען...

פאַר מיר איז נאָר דאַמאָלס דער גליק ליעב און טייער,
איך ווער דורך איהם דאַמאָלס נאָר שטאַרקער און פרייער,

ווען כ'קען איהם נאָר קריגען דורך א קאַמף דורך א שווערען,
ווען ער ווערט נאָר געלייטערט אין מיין בלוט, מיינע טרערען...

שטראַלען

תפילה

(סאָפּיע דאָן געווידמעט)

לעבען, דו אייביק־שאַפּענדער, אייביק־פּרעכטיגער און יונגער,
דו הערשער פון דעם הימעל, פון דער ערד, פון אַלע ספערען;
דו, צו וועמען איך טו זינגען מיינע שענסטע לויב־געזאַנגען,
איך טו דיך בעטען, דו זאָלסט מיין תפילה יעצט דערהערען.

אָ, לעבען, שיינק מיר די הייליגע מתנה — שיינק מיר פליגלען,
וועלכע זאָלען ברענגען מיך אין יענע וועלטען, יענע רוימען,
פון וועלכע עס האָט א צויבעריין דערצעהלט מיר אין מיין קינדהייט,
אין וועלכע איך פלעג נאָר אימער שוועבען אין מיינע טרוימען.

אָ, וויז מיר, לעבען, דיינע אַלע אוצרות, דיינע אַלע וואונדער,
וואס כ'קען זיך אין די שענסטע טרוימען פאָרשטעלען גאָר זעלטען —
לאָז מיר זעהן כאָטש אויף א ווייל, לאָז מיר זעהן כאָטש פון דער
ווייטען,
די אומבאַקאַנטע און צויבערליכע רוימען, וועלטען.

לאָז מיך, לעבען, מיטשוועבען מיט דיר אין העלען פּראַכט פון הימעל;
עס ציהט דער הימעל מיך צו זיך מיט שטאַרקע, ווילדע קרעפטען;
איך מוז געשמידט זיין צו דעם הימעל מיט אומזיכטבאַרע קייטען,
נאָר עס פעהלען מיר די פליגלען מיט איהם זיך צו באַהעפטען...

איך בענק נאָך יענעם וועג, וואס איז געוועבט פון זייד און זונשיין,
און עס רופט מיך יענער וועג, וואו עס שטעכען דערנער, שטיינער;
עס ציהט מיך ווילד צו יענע וועגען און יענע ברעגען,
אויף וועלכע עס האָט ביז היינט נאָך ניט געטראָטען קיינער.

ס. מאַכלין

ס׳רופט די וועלט מיך פון אַלע איהרע וועגן, אַלע ברעגן,
פון די אָפּגרונדן, די טאָלן, ווי פון דעם באַרג, דעם הויכן —
איך בענק איעדן אָרט, וואס כ׳קען דערגרייכן און באַטרעטן,
און איך בענק אויך יענעם אָרט, וואו עס קען מיין בליק ניט גרייכן.

אַ לעבן, דו אייביג־שאַפענדער, אייביג ברויזענדער און יונגער,
דו הערשער פון דעם הימעל און דער ערד, פון אַלע ספערן,
דו, צו וועמען איך טו זינגען מיינע שטאַרקסטע ליבּ־געזאַנגען,
איך טו דיך בעטן, דו זאָלסט מיין תּפילה יעצט דערהערן.

ווייז מיר די אומבּאַקאַנטע און צויבערליכע הימלען, וועלטן,
אהן מורא וועל איך שוועבן אין אַלע לענדער, אַלע ספערן,
באַגייסטערט וועל איך קלייבּן דאָרט די רויזען און די דערנער,
איך וועל קושען דאָרט אַלסדינג ענטציקט, מיט פריידענ׳ס־טרערן.

ווייל יונג בין איך און שטאַרק, ווייל מעכטיג גליהט מיין ווילענ׳ס־
פייער,
און ווייל איך בּיינק אזוי נאָך נייע וואונדער, נייע וועגן:
ס׳רייסט זיך מיין נשמה אימער אַלץ העכער און אַלץ ווייטער,
ווי עס רייסט זיך אימער דער ווילדער ים פון זיינע ברעגן...

מיין זכרון

(דאָראַ פרישבערג — א מתנה)

איך האָב א וואונדערליכען, זעלטענעם זכרון:
איך געדיינק נאָר וואס איז נויטיג, וואָס איז וויכטיג;
איך געדיינק ניט קיין שום שלעכטעס, קיין שום בייזעס,
איך געדיינק נאָר וואָס איז אימער טייער, ליכטיג.

איך געדיינק ניט מיין געליעבטער׳ס בייזקייט, ווילדקייט,
איך געדיינק נאָר איהרע קושען און איהר טרייהייט —
איך געדיינק ניט יענע טעג פול שרעק און טרויער,
איך געדיינק נאָר מיינע טעג פול גליק און פרייהייט.

איך פארגעס זיך אָן די בייזע שונאים מיינע,
איך געדיינק נאָר מיינע גוטע פריינד און ברידער;
איך פארגעס זיך אָן דעם אָסיען׳ס בייזען קלאָגען,
מיר געדיינקט זיך נאָר דעם פריהלינג׳ס זיסע ליעדער.

איך פארגעס זיך אָן מיין דורכפאַל און מיין שאָדען,
איך געדיינק נאָר מיין געווינס און מיין נצחון —
איך האָב א וואונדערליכען, זעלטענעם זכרון,
ס׳איז דער קוואַל פון גאָר מיין גליק און מיין בטחון.

ס. מאַכלין

מיין קערפּער

איך ליעב אזוי הייליג און טייער מיין קערפּער,
איך פאַרגעטער מיין בלוט און מיין יעטווידען גליעד.
איך זינג צו מיין יונגען און בליהענדען קערפּער,
מיין שטאַרקסטע, מיין זיסטע און הייליגסטע ליעד.

מיין קערפּער — דאָס איז אזא הערליכעס קונסטווערק:
ס'איז דער הייליגסטער, טייערסטער שאַץ וואָס איך האָב;
ס'האָט גאָט מיר אליין די מתנה געגעבען,
און איך וויים ווי צו היטען דעם זעלטענעם גאָב...

מיין קערפּער איז אימער געזונד, פריש און מונטער,
עס בליהט אימערצו ווי א פּרעכטיגע בלום:
איך קלייד איהם אין סאַמעט, אין זייד און אין זילבער,
איך באָד איהם אין טוי און אין פיינסטען פּאַרפיום.

איך ליעב אזוי הייליג און טייער מיין קערפּער:
איך שטעה ביי די שפּיעגלען אַפט שטונדענווייז־לאַנג
און באַטראַכט מיינע פּרעכטיגע מענליכע פאָרמען,
און זינג מיט ענטציקונג א זיסען געזאַנג...

איך ליעב די בגדים וואָס באַציערען מיין קערפּער,
איך ליעב יעדע זאַך וואָס מיין האַנד טוט א ריהר:
איך ליעב אַהן א שיעור מיינע בילדער, מיין שאָטען,
איך ליעב יענעם מענש וואָס איז ענליך צו מיר...

שטראַלען

איך ליעב נאָר דעם ווינד, ווייל ער צערטעלט מיין קערפּער,
איך ליעב נאָר די רויז, ווייל עס קושט זי מיין בליק.
איך ליעב נאָר דעם לעבען, ווייל מיין קערפּער קען פיהלען
זיין הערליכען צויבער, זיין שטראַלענדען גליק.

מיין קערפּער, ער איז אזוי צאַרט און עמפּינדליך:
עס שטראָמט אין מיין קערפּער די איידעלסטע בלוט:
איך פיהל אזוי טיעף די ערהאבענסטע פריידען,
איך זעה אזוי שאַרף אלץ וואָס שעהן איז און גוט.

און ס'קען אויך מיין קערפּער פאַרטראָגען געדולדיג,
די ביטערסטע ליידען, די גרויזאַמסטע נויט:
ער האָט שוין פאַרטראָגען דעם שרעקליכסטען וועהטאָג,
עס שרעקט איהם קיין זאַך ניט — אפילו דער טויט.

איך ליעב אזוי טייער און הייליג מיין קערפּער,
איך פאַרגעטער מיין בלוט און מיין יעטווידען גליעד,
איך זינג צו מיין קרעפטיגען, פּרינצליכען קערפּער
מיין שעהנסטע, מיין שטאַרקסטע און הייליגסטע ליעד.

ס. מאַכלין

שטויבט אראָפּ פון זיך

(מיינע פריינד ה. און פּ. שישקאָ)

שטויבט אראָפּ פון זיך די וואָכעדיגע זארגען,
שטויבט, אראָפּ פון זיך דעם וואָכעדיגען שימעל,
פּוצט זיך אויסעט אין די יום־טוב׳דיגע קליידער
און קוקט ארויף, ארויף אין אייער הימעל...

עס קומען אָן די טעג פון פרייד און ליעבע,
די צויבערליכע טעג פון פריהלינג קומען.
עס זינגען שוין די פויגעל זיסע ליעדער,
עס דופטען שוין די בוימער און די בלומען.

זייט־זשע יום־טוב׳דיג, איהר אלע מענשען־קינדער!
נעהמט און קלייבט אייך אלע אויף צוזאמען
און קושט זיך, האַלזט זיך איינער מיט דעם צווייטען,
זייט ווי קינדער פון איין גוטער, ליעבער מאמע׳ן...

שטראַלען

געהט צוזאמען אויף די פעלדער, אין די גערטנער,
זיי וועלען אייך מיט ליעבע דאָרט באַגריסען;
דאָרט וואַרט אויף אייך די העכסטע פרייד און שעהנקייט,
דאָרט רופט אייך אַלץ צו לעבען, צו געניסען...

זעטיגט אַז זיך מיט דעם צויבער פון דעם פריהלינג,
און נאָכדעם זאָלט איהר צו דער ערד זיך נויגען
און זינגען אין א כאָר צום הימעל הלל
און בעטען איהם מיט טרערען אין די אויגען.

אז ס'זאָלען פאר אייך לאַנג נאָך דופטען, בליהען
די יונגע, זיסע פריידען, בוימער, ראָזען,
אז ס'זאָל אייך אייער גאַנצען, גאַנצען לעבען
דער צויבערליכער פריהלינג ניט פארלאָזען...

ס. מאַכלין

ביינאַכט

כ'בעט ניט גאָר דעם שטאַרקסטען שלאָף,
כ'בעט ניט רוה נאָר ביי דער נאַכט.
כ'שלאָף ניט מיט א טויטען שלאָף,
מיט די אויגען בלינד פארמאכט...

כ'שלאָף א לייכטען, זאַכטען שלאָף —
כ'זעה און הער אין שלאָף גאָר קלאָר
גאָר דעם צויבער פון דער נאַכט,
אַלץ וואָס ס'קומט מיט מיר דאַן פאָר.

כ'בין נאָך ניט ערשעפּט, ניט מיעד,
ווען איך ווער פון טאָג נאָר פריי.
ס'שטראָמט מיין בלוט דאַן שטאַרקער נאָך,
כ'בליה דאַן אויף גאָר אויף דאָס ניי...

ס'שיינקט די נאַכט מיר יענע פרייד,
וואָס עס האָט גאָר ניט דער טאָג:
און זי שיינקט דעם גליק מיר פריי,
אָהן א מאָס און אָהן א וואָג.

שטראַלען

ס'איז דער טאָג צו ניכטער, קאַרג —
כ'קען בייטאָג ניט טרוימען פיעל.
ס'שטעלט דער טאָג מיך אויף דער וואַך,
ר'האָט פאַר מיר א שווערען ציעל...

מעג דער טאָג מיר זיין ווי לאַנג,
מעג ער פּלאָגען מיך ווי שווער,
איך פאַרגעס אָהן איהם ביינאַכט,
ס'קוויקט מיך דאַן די נאַכט נאָך מעהר...

ס'עפענט אויף די נאַכט פאַר מיר
אַלע הימלען ברייט און וויים —
כ'וועב חלומות ווילד און שעהן
ווען איך ווער פון טאָג באַפרייט...

ס. מאַבלין

מורא

נאָר אײנס װאָרפט אַן אויף מיר א שרעק א שװערע,
נאָר אײנס טוט אָפּט מײן פרײד, מײן רוה צושטערע.

מיך שרעקט, עס זאָל אַמאָל נאָר ניט געלינגען
א פײנד, גאָר אַהן א קאַמף מיך צו באַצװינגען.

ער זאָל מיך אין א שלאָף נאָר װען ניט פאַנגען,
און טאָן מיט מיר װאָס ע ר װעט נאָר פאַרלאַנגען:

צושטערען גאָר מײן קראַפט, מײן שטאָלץ, מײן טוגענד,
די טרוימען און דעם גלױבען פון מײן יוגענד.

איך װיל ניט אַהן א װידערשטאַנד פאַרלירען
אלסדינג, מיט װאָס איך פּלעג זיך קװיקען, ציערען.

אַלסדינג, פאַרװאָס איך האָב געצאָלט גאָר טײער —
מיט מײן רײנסטער, שעהנסטער בלוט, מײן יוגענד־פײער.

ער מאָג נאָר דורך א קאַמף די אוצרות קריעגען,
ער מוז צוערשט מיך שעהן און שטאָלץ באַזיעגען...

עס מוז מײן פײנד מײן מוט, מײן קראַפט דערפיהלען,
און דאַן קען איך דעם קאַמף שױן ניט פאַרשפּילען.

איך װעל איך קאַמף נאָך שעהנער זינגען, שטראַלען,
איך װעל אין קאַמף א שטאָלצער זיעגער פאַלען...

וואַרף אַראָפּ

וואַרף אַראָפּ פון דיינע אויגען
די פאַר׳חושכ׳טע שפּאַקולען,
און דו וועסט, מיין פריינד, מיין ליעבער,
דאָן ניט זעהן בלויז שוואַרצע נולען.

האָסט פאַרבלענדעט זיך די אויגען,
האָסט פון הימעל זיך באַהאַלטען,
און דערפאַר נאָר זעהסטו אימער
שוואַרצע, שרעקליכע געשטאַלטען.

ס׳איז די וועלט פול ליכט, פון זונשיין,
דאַרפסט נאָר וועלען און באַגעהרען:
קוק אַרויף, אַרויף צום הימעל,
וועסטו זעהן דאָן זון און שטערען.

ס. מאַכלין

אָפּטמאָל

אָפּטמאָל נעהמט א פינסטערער אומעט מיך שטיקען.
מיין האַרץ ווערט פון שרעקליכען צווייפעל צוריסען.
און כ'שרייב דאמאלס ליעדער פול יאוש און טרערען —
נאָר ס'וועט זיך די וועלט פון זיי קיינמאָל דערוויסען.
די וועלט איז גענוג דאָך געשטראָפט שוין מיט דיכטער,
וואָס זינגען נאָר ליעדער פול יאוש, פול טרערען.
זי וויל מעהר ניט הערען פון דיכטער פון קראַנקע,
די וועלט וויל פון אנדערע דיכטער שוין הערען...
פון דיכטער, וואָס זאָלען אין פלאַמענדע ליעדער
באַזינגען דעם גליק, נאָר די זיסקייט פון לעבען.
וואָס זאָלען דערקוויקען א ליידענדען מענשען.
און געבען איהם כוחות צו גלויבען, צו שטרעבען.
א דיכטער דאַרף אימער נאָר ליעבען און גלויבען.
זיין ליעד דאַרף דעם לעבען פארזיסען, באַשעהנען.
און ליעבען און שעצען וועט די וועלט דאן דעם דיכטער,
זי וועט, אַלס איהר גאָט, איהם דערהויבען, באקרוינען...
ס'זאָל קיינמאָל די וועלט פון מיין וועהטאָג ניט הערען:
איך וועל מיינע ליידען אין האַרצען דערשטיקען —
דער וועלט וועל איך אימער נאָר זינגען פון פריידען.
מיין ליעד וועט די וועלט נאָר דערפרעהען, דערקוויקען.

מיין מוזע

מיין מוזע אַנטפּלעקט זיך מיר זעלטען
און ווייזט זי פאַר מיר זיך שוין ווען,
פאַרוויילט זי מיט מיר נאָר א ווײַלע,
א רגע נאָר קען איך זי זעהן.

דאָך האָב איך צו איהר ניט קיין טענות,
דאָך האָב איך דערפון ניט קיין צער:
איך ליעב זי נאָך הייסער, נאָך שטאַרקער,
זי איז מיר נאָך שעהנער דערפאַר...

איך גלויב, אז איהר זעלטענער קומען
מוז האָבען א ציעל טיעף און שעהן —
און כ'גלויב, אז עס וועט מיר מיין מוזע
אַנטפּלעקען דעם סוד ווען אליין.

מיין מוזע אַנטפּלעקט זיך מיר פּלוצלונג,
זי שיקט ניט קיין ריטער פאַראויס,
וואס זאָלען מיר מעלדען איהר קומען —
עס האַלט זיך מיין מוזע ניט גרויס.

זי זוכט ניט קיין פּרעכטיגע אויפנאַהם,
אַנטפּלעקט זי זיך גאָר אומגעריכט:
גאָר פּלוצלונג דערזעה איך אין הימעל
איהר הייליגען קינדער-געזיכט.

ס. מאַכלין

איך בליק אין איהר פּנים א רגע
און ווער גלייך פארבלענדט פון איהר פראכט —
און באַלד שוועב איך אום אין די הימלען,
פון גאָט און מיין מוזע באוואכט.

— — — — — — — — — — — — — — —

און כאַפּ איך זיך אויף פון מיין חלום,
דאַן איז נאָך מיין גליק ניט צו ענד:
איך כאַפּ זיך נאָר אויף צו געפינען
אַן אוצר ביי זיך אין די הענד.

עס לאָזט א געשאַנק מיר מיין מוזע,
א ליעד אזוי זיס, אזוי שעהן,
און כ'טאַנץ דאַן אוועק מיט מיין אוצר
און וויַיז איהם פאר גרויס און פאר קליין.

איך טייל מיט דער וועלט זיך מיין אוצר,
מיין ליעד לעזען מענשען אַ סך
און ווערען דערפרעהט און באַגייסטערט,
און זינגען צו מיר זייער שבח...

צום זומער

אַדיע, דו צייט פון פרייד און שלום,
אַדיע, דו צוויבערליכער זומער.
איך באַגלייט דיך גאַר אָהן טרערען,
אָהן דעם קלענסטען צווייפעל, קומער.

איך באַגלייט דיך נאַר מיט ליעבע,
פונקט ווי איך האָב דיך עמפּאַנגען.
און איך וועל דעם גאַנצען ווינטער
דיר נאַר זינגען לויב־געזאַנגען.

כ'קען אַצינד ניט מורא האָבען,
פאַר דעם ווינטער וואָס וועט קומען:
האָסט פאַרזייט דאָך אין מיין האַרצען
דיינע ערשטע, זיסטע בלומען...

ס'האָט דיין ריינסטער דופט און האָניג
נאָר פאַר מיר אַליין געררונען —
און איך האָב אויף דיינע לאָנקעס
מיין געליעבטע אויסגעפונען...

ס. מאַכלין

האָסט אין דיינע שעהנסטע פעלדער
מיר ערלויבט אריינצודרינגען,
האָסט נאָר מיך געלאָזען פאַנגען
דיינע שעהנסטע שמעטערלינגען...

און דו וועסט דאָך, זומער ליעבער,
ניט אויף אייביג מיך פאַרלאָזען:
וועסט דאָך באַלד מיר ברייננען וויעדער
נייע ליעדער, נייע ראָזען...

אדיע, דו צייט פון פרייד און שלום
אדיע, אדיע, דו ליעבער זומער.
איך באַגלייט דיך גאָר אָהן טרערען,
אָהן דעם קלענסטען צווייפעל, קומער.

ווייל איך וויל
און טרוים אזוי

א ווילדער פראָסט? ער שרעקט מיך ניט.
איך פיהל ניט קיינמאָל קיין פראָסט, קיין שניי.
ביי מיר איז ניט קיין ווינטער נאָך.
ווייל — איך וויל אזוי און טרוים אזוי.

ביי מיר איז אַלץ נאָך זומער־לעב.
עס זינגט און דופט נאָר וואו איך געה.
ביי מיר וועט אימער זומער זיין.
ווייל — איך וויל אזוי און טרוים אזוי.

ס. מאַכלין

אַ חלום

(ראובן גרינפעלד געווידמעט)

מיר האָט זיך געחלומ'ט, אַז איך לעב אין דער לאַנד,
וועלכע שיינט אימערצו נאָר אין פרעכטיגע פאַרבען:
אין דער לאַנד, וואָס ווערט קיינמאָל ניט באַנייט פון דעם טויט —
וואו מען קען גאָר ניט חלומ'ען קיינמאָל פון שטאַרבען...

אין דער לאַנד, וואו דער זומער איז קעניג און גאָט,
וואו זיין הערשאַפט, זיין טראָן קען גאָר קיינמאָל ניט פאַלען:
אין זיין לאַנד קען גאָר קיינמאָל ניט גרייכען קיין פיינד,
אין זיין לאַנד קען גאָר קיינמאָל קיין שטורם ניט קנאַלען...

אין זיין לאַנד מוזען מענשען נאָר לעבען אין גליק,
זיי מוזען דאָרט אַלע נאָר זינגען פון זומער:
ער ווייס דאָרט קיין מענש ניט פון האַס און פון זינד,
עס פיהלט דאָרט קיין מענש ניט קיין מורא, קיין קומער.

שטראַלען

און די לאַנד איז געוואָרען גאָר פלוצלונג מיין היים,
איך האָב אייביג געמוזט דאָרט מיט אַלעמען לעבען.
איך האָב גאָרניט געקענט זיך באַפרייען פון דאָרט.
די לאַנד האָט דערשטיקט גאָר מיין מאַכט, גאָר מיין שטרעבען.

און ווי גרויס און ווי טיעף איז געוועזען מיין גליק,
ווען איך האָב נאָר ערוואַכט פון דעם חלום, דעם בייזען.
און דערזעהן, אז איך בין אין מיין היימישען לאַנד,
וועלכע בייט אזוי אָפט איהרע פאַרבען, איהר אויסזעהן...

אין דער לאַנד, וואו דער גליק מוז געמישט זיין מיט פיין,
וואו דער גליק ווערט דערגרייכט דורך א קאַמף און דורך טרערען.
אין דער לאַנד וואו עס הערשען דער לעבען און טויט —
אין דער לאַנד, וואס וועט יעצט מיר נאָך טייערער ווערען...

ס. מאַבלין

ווערטער

אַ גרויע, וואַכעדיגע ווערטער,
עס וועהטאַגט מיר מיין הארץ פאר אייך,
ווארום איהר קלינגט ניט פריי און מונטער,
ווארום איהר שיינט ניט העל און רייך.

ווארום עס קוויקט זיך ניט דער דיכטער
מיט אייער פארב, מיט אייער קלאַנג;
ווארום ער וויל פון אייך ניט פלעכטען
קיין זיסען, הייליגען געזאַנג...

ער רייסט זיך נאָר צו איי'רע שוועסטער,
וואָס זיינען אַזוי שעהן און פריי,
ער ווידמעט זיי די שעהנסטע ליעדער,
ער ליעבט זיי, ווי זיין מוזע טריי.

אַ גרויע, וואַכעדיגע ווערטער,
איך נעהם זיך איצטער פאר אייך אַן.
איך וועל באַ'חנ'ען אייער גרויקייט,
איך וועל פארזיסען אייער טאָן.

שטראַלען

איך וועל אייך ווידמען שעהנע ליעדער:
איהר וועט דערמאַנט ווערען פון מיר
צוגלייך מיט איי׳רע שעהנסטע שוועסטער,
וואו איך וועל געבען זיך א ריהר.

איך וועל אפילו זיך ניט שעהמען
באַווייזען זיך מיט אייך פאַר גאָט —
און אויב איך וועל דערפאַר פון פיעלע
געמאַכט ווערען צו שאַנד און שפּאָט,

דאַן וועט עס ווייניג־וואָס מיך אַרען,
דאַן וועל איך גליקליכער נאָך זיין:
דאַן וועל איך מעהר נאָך, שוועסטער מיינע,
אין עקסטאַז פון אייך אריין...

ס. מאַכלין

אין קינעמאַטאָגראַף

כ׳בין א אָפּטער אורח דאָרטען,
ס׳ציהט אהינצו יעדען איינעם:
קליינע שטיפערישע קינדער
און אויך במורנע, גרויע זקנים...

כ׳קום אהין צו זעהן און הערען
ווי עס פרעהען זיך די מענשען:
כ׳קום אהין זיי צו דערקענען,
און צו ליעבען זיי און בענשען...

ס׳לאַכט דאָרט יעדער ליעב און האַרציג,
און ער וויינט — מיט פריידענ׳ס־טרערען:
עס געפינט דאָרט יעדער איינער
וואָס זיין האַרץ נאָר טוט באַגעהרען.

שטראַלען

דאַרטען ווערט ערפילט פאַר יעדען
גאַר דער שעהנסטער, רייינסטער חלום.
דאַרטען מוז גאַר אימער הערשען
נאַר די ליעבע און דער שלום.

דאַרטען ווערט באַלויינט דער אמת,
און באשטראַפט, פאַרשעהמט דער ליעגען —
ס'געהט ארויס פון דאַרט איעדער,
זינגענדיג א זיסען ניגון...

ס'קומט ארויס פון דאַרט איעדער
פול מיט האפנונג, גלויבען, שטרעבען.
דאַרטען נאַר, און ניט אין ד ר ו י ס ע ן,
איז דער שעהנער, ע כ ט ע ר לעבען...

ס. מאַכלין

מיין נייער פריינד

איך האָב ביי זיך אַצינד, אַ אומגעריכטען גאַסט,
וואָס איז מיר זעלטען-ליעב, וואָס איז מיר ניט קיין לאַסט.

דער גאַסט ווערט פרייוויליג מיין בעסטער, שעהנסטער פריינד,
ער וועט באַשיצען מיך גאָר טריי פון מיינע פיינד.

ער וועט באַשיצען מיך אין יעדען אומגליקס-פאַל,
ער וועט מיר עפענען אַ נייעם לעבענס-קוואַל...

עס האָט מיר אויסגעפּעהלט גאָר שטאַרק, אַ פריינד ווי ער:
איך וועל אַצינד אָהן איהם ניט געבען זיך קיין קעהר.

איך בין געוועזען אָהן איהם צו שוואַך, צו פרום און שטיל,
איך האָב אָהן איהם, אומזיסט, געליטען לאַנג און פיעל.

און ס'האָט פאַר מיר מיין פריינד אַנטפּלעקט זיך פּלוצלונג גאָר:
איך האָב גאָר ניט געהאַפט צו זעהן איהם אויף דער וואָהר.

ער איז פאַר מיר ביז היינט אַ חלום נאָר געוועזען —
און פּלוצלונג האָב איך איהם גאָר אויף דער וואָהר דערזעהן.

שטראַלען

און ס'איז מיין נייער פריינד געווען פון מיר ניט ווייט:
ער איז אין ה אַ ר ץ ביי מיר געווען די גאַנצע צייט.

און פּרואווט גאָר קיינער ניט צו טרעפען, מיט א האַסט,
ווער דאַס איז אזוינס מיין נייער פריינד, מיין גאַסט.

איהר מאַגט זיך זיין ווי קלוג און קלערען גאָר ווי לאַנג,
דאָך וועט אייך אַלץ מיין פריינד ניט קומען אין געדאַנק.

איך מוז איהם אייך צוערשט נאָר פאָרשטעלען אַליין,
מיין פריינד ער איז — א ש ל אַ נ ג מיט שאַרפע, ווילדע ציין.

און ה אַ ס זיין נאָמען איז. — מיין פריינד איז בייז און ווילד.
נאָר כ'קען איהם צאַמען גרינג און מאַכען שעהן און מילד.

עס דאַרף מיין שלעכטער פיינד זיך שרעקען פאַר איהם בלויז.
מיין אמת־גוטען פריינד וועט ער ניט טאָן קיין בייז.

אין זומפּ

אין זומפּ געבאָרען, מוזט איהר אייביג דאָרטען זיין.
מוזט איהר אַלע אין דעם זומפּ שוין אויך צושטאַרבען.
עס וועט אייביג בלייבען פרעמד פאַר אייך מיין וועלט
מיט איהרע וואונדערליכע ליעדער, רויזען, פאַרבען...

איך האָב אַזוי געוואָלט אייך ברייננגען אין מיין וועלט;
איך האָב אַזוי געוואָלט אייך פון דעם זומפּ דערהויבען:
האָט מיין וואונש אייך אַלע אויפגערייצט גאָר ווילד,
האָט איהר געמיינט, איך וויל אייך פון דעם זומפּ באַרויבען...

און טיעפער זייט איהר נאָך געזונקען יעצט אין זומפּ:
איהר זאָלט ניט קענען מעהר מיין רוף, מיין שטימע הערען —
אין זומפּ געבאָרען, מוז מיין וואונש אייך בלייבען פרעמד,
מוזט איהר אַלע אין דעם זומפּ פאַרזונקען ווערען.

וואָרום ?

אונטען, אין דעם שוואַרצען קבר, ליעגט אַ מענש באַגראָבען,
און אויבען... ליעגט אַ קראַנץ פון אַזוינע זיסע בלומען :
און עס זעהען מיינע אויגען נאָר דעם בלומען־קראַנץ דעם שעהנעם,
און איך אָטעם שטאַרק ענטציקט זיינע קוויקענדע פּאַרפיומען.

אונטען, אין דעם שוואַרצען קבר, ליעגט אַ מענש באַגראָבען,
אַ מענש, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ גלויבען און אַ שטרעבען :
אַ מענש, וואָס האָט ניט לאַנג, ווי איך, געליעבט, געלאַכט, געזונגען,
און, ווי איך, געליעבט די שעהנע וועלט, דעם זיסען לעבען...

וואָרום דאַך שרעקט מיך ניט דער בר מינן און דער קבר ?
וואָרום דאַך ווערט מיין הארץ ניט פון פאַרצווייפלונג יעצט צובראָכען?
וואָרום דאַך קוויקען מיך אויך י ע צ ט די שעהנע, זיסע בלומען
און מיין הארץ איז פול מיט ליעבע, גלויבען און נצחון ?...

ס. מאַכלין

מיינע שפּיעלצייג

"Men are but children of larger growth."
—JOHN DRYDEN.

איך האָב נאָך אַלץ ניט אויפגעגעבען זיי, די שפּיעלצייג מיינע.
פון מיינע שעהנע, ליעבע, שטיפערישע קינדער־יאָהרען.
איך שפּיעל זיך אימער נאָך מיט זיי, ענטציקט, ווי אין מיין קינדהייט,
זיי האָבען זייער חן און כשוף פאַר מיר נאָך ניט פאַרלאָרען.

זיי זיינען מיר נאָך יעצט געוואָרען פיעל הייליגער, פיעל שעהנער.
באַטראַכט איך מיינע שפּיעלצייג יעצט, באַגיס איך זיי מיט טרערען —
ערשט יעצט האָב איך דערזעהן נאָר זייער גאַנצען ווערט און צויבער,
ערשט יעצט נאָר קען איך וויסען, ווי צו ליעבען זיי און עהרען...

מיינע שפּיעלצייג זיי זיינען מיינע ערשטע, שעהנסטע אוצרות,
וואָס זיינען מיר פאַרבליבען אַלס ירושה פון מיין יוגענד:
זיי ברייגנען מיר צוריק מיין פריהלינג, מיינע זונען־יאָהרען,
מיין קינדער־שטאָלץ און טאַפּפערקייט, מיין גלויבען און מיין טוגענד...

מיינע שפּיעלצייג האָט געבראַכט מיר אַ מלאך פון דעם הימעל,
עס האָט זיי גאָט אַליין מיר אַ מתּנה געמוזט געבען.
איך בין געקומען אויף דער וועלט זיך אימער נאָר צו שפּיעלען
מיט שפּיעלצייג שעהנע און חלומות הערליכע צו וועבען.

איך בין געקומען אויף דער וועלט צו פיהלען פרייד און שעהנקייט,
צו הערען קינדער־ליעדער און קלייבען זיסע בלומען.
און וועט די וועלט נאָר מיר ניט שיינקען עס מיט גוטען,
דאַן וועל איך מיט מיין בלוט און מיינע טרערען עס באַקומען.

איך בין געקומען אויף דער וועלט אַ קינד, געלייטערט פון דער ליעבע.
ס'האָט די שכינה מיט אַ קוש מיר אויפגעמאַכט די אויגען.
און דערזעהן האָב איך דאָן גלייך די ליכט, דעם צויבער פון דעם הימעל.
און ס'האָט זייט דאַן אָהן אויפהער אַלץ צום הימעל מיך געצויגען...

עס רייסט זיך מיין נשמה אַלץ אַרויף, אַרויף צו הימעל.
איך בייַנק נאָך דער זון, נאָך דער לבנה און די שטערען:
איך טרוים — איך וועל באַהעפטען זיך מיט זיי נאָך ווען אויף אייביג,
אַז ס'וועט אַמאָל דער הימעל מיין היים אויף אייביג ווערען.

און עס שרעקט מיך ניט דאַריבער די קאַלטע, גרויע עלטער,
זי קען ניט מאַכען קיינמאָל מיר דעם לעבען וויסט און שטויביג:
זי קען דעם פּראַכט און צויבער פון הימעל ניט פאַרלעשען —
אַ קינד בין איך געבאָרען און אַ קינד פאַרבלייב איך אייביג...

מיך שרעקט ניט, אַז די עלטער זאָל מיר יעדען וועג פאַרלויפען,
מיין יוגענד און מיין טרוים, זיי שוועבען ווייטער, העכער שנעלער.
און האָב איך מיינע אוצרות נאָך — די וואונדערליכע שפּיעלצייג,
דאַן איז די יוגענד מיינע און מיין טרוים נאָך שטאַרקער, העלער.

שפּיעל איך זיך מיט מיינע שפּיעלצייג, דאַן שרעק איך זיך פאַר קיינעם.
דאַן איז מיר אַלץ אין לעבען אַזוי היילינ, ליעב און ליכטיג:
דאַן ליעב איך מיינע שונאים, ווי איך ליעב די ברידער מיינע,
דאַן איז איעדער מענש מיר אַזוי קינדיש־שעהן און וויכטיג...

ס. מאַכלין

איך שפּיעל זיך מיט די שפּיעלצייג, ווען איך וואַך און ווען איך חלום.
ווען איך בין מיט זיי אין הויז, ווען איך פאָהר אויף ווייטע וועגן.
וואוהין איך זאָל ניט ווענדען נאָר די שאַרפע אויגען מיינע,
שיינען אויף פאַר מיר די שפּיעלצייג אין פולען פּראַכט אַנטקעגען.

אמאָל, ווען עס באַפאַלט מיך נאָר אַ שווערער פּיין, אַ צווייפעל,
ווען איך פיהל אַ טיעפען שרעק פאַר אַ קאַלטען, גרויען מאָרגען,
דאַן קענען מיינע שפּיעלצייג נאָר מיך אויפלעבען, מיך טרייסטען,
זיי מאַכען גלייך אַ קינדער־שפּיעל פון אַלע מיינע זאָרגען...

זיי מאַכען מיר אַ קינדער־שפּיעל פון גאַנצען, גאַנצען לעבען,
און די וועלט די ריעזיג־גרויסע, די וועלט די ערליך־שעהנע,
די וועלט מיט איהרע ימים, איהרע וועלטען, שטערען, מענשען,
פאַרוואַנדלען זיי אין שפּיעלצייג מיר אין טייערע און קליינע...

און ווען דער טויט אליין נאָר וואָלט אַנטפּלעקט פאַר מיר זיך,
פּלוצלונג,
ווען איך וועל זיך אַ ענטציקטער מיט די שפּיעלצייג מיינע שפּיעלען,
דאַן וואָלטען אויך די שפּיעלצייג מיך באַשיצען טריי, מיך טרייסטען,
איך וואָלט קיין פּיין, קיין אימה פאַר דעם טויט גאָר דאַן ניט פיהלען.

איך וואָלט באַטראַכט דעם טויט דאַן, ווי אַ נייעם גאַסט, אַ חבר,
און איך וואָלט איהם גלייך געבעטען „קום שפּיעלען זיך אין איינעם!“
איך וואָלט באַטראַכט דעם טויט דאַן, ווי אַ נייעם, שעהנעם שפּיעלצייג,
ווי אַ פאָרטזעצונג, אַ נאָכשפּיעל פון׳ם קינדער־שפּיעל דעם שעהנעם...

שטראַלען

און אויב איך וועל דאַך מוזען מיט דער וועלט אמאָל זיך שיידען,
וועט דער רעטזועלהאַפּטער טויט דאַך מיר פאַרשליסען ווען די אויגען —
דאַן בעט איך אייך, חברים מיינע, טייערע און ליעבע,
אַז איהר זאָלט מיר אין מיין קבר קיינע בלומען־קרענץ ניט לייגען.

און שטעלט ניט קיין מצבה מיר קיין ריעזיגע און שטאַרקע,
און קריצט ניט אויף איהר אוים פּאַר מיר קיין לאַנגע יאַמער־ליעדער:
איך בעט אייך נאָר, חברים מיינע, טייערע און ליעבע,
לייגט מיר אין מיין קבר נאָר מיינע שפּיעלצייג דאַן אַנידער...

און שטעלט מיר אויף דעם קבר נאָר א קליינעם ווייסען שטיינדעל,
אויף וועלכען איהר זאָלט אויסקריצען די ווערטער נאָר פון אויבען:
„דאָ רוהט א קינד מיט זיינע שפּיעלצייג — מיעד פון צופיעל שפּיעלען,
מיעד פון וועבען שעהנע טרוימען, פון ליעב האַבען און גלויבען"...

ס. מאַכלין

ליעב

איך האָב ליעב דיינע גאָלדענע האָר,
דיינע אויגען — אַלמאַזען א פּאָר.

דיינע הענד — אזוי וויים, אזוי קליין,
און דיין שמייכעל פול זעלטענעם חן.

איך האָב ליעב די ערד וואו דו שטעהסט,
די הויז וואו דו רוהסט, וואו דו געהסט.

דעם ווינטעל וואָס טוט דיך א ריהר
און דעם הימעל וואָס הייננט איבער דיר.

און איך ליעב אַהן א שיער זיך אליין,
וואָס איך ליעב אזוי ווילד דיך און שעהן.

עס קען ניט זיין

עס קען ניט זיין, אַ, ניין, אַ, ניין, איך גלויב עס דיר ניט, קינד,
אַז דאָ זאָל זיין דיין היים — אין דיזער הויז, אין דיזער גאַס :
דאָ פלאַקערט אימער דאָך דעם גהינום׳ס שוידערליכע בראַנד,
דאָ אָטעמט אימער דאָך די ערד מיט טויט, מיט שלאַנגען־האַס...

דאָ בליהט דאָך ניט קיין קיין איינציג בלום, קיין בוים, קיין לאַנקע גראַז,
עס שיינט דאָך קיינמאָל ניט דעם הימעל׳ס פּראַכט אַהער אריין.
ווי קומט דאָן אין דיין בליק דעם הימעל׳ס צויבערליכע ליכט ?
וואָרום דאָך איז דיין קוש נאָך זיסער פיעל פון בלומען־וויין ?...

ווי קומט צו דיר די יוגענד־קראַפט, דער זעלט׳נער פּראַכט און רייץ ?
ווי קען דאָס בליהען דאָ אַ קינד, אַ בלום אַזאַ ווי דו ? —
אַ, קינד, ווי וועהטאָג און ווי ווײנט מיין האַרץ אַצינד אין מיר,
דו האָסט צעשטערט אַצינד מיין שעהנסטע טרוים, מיין רוה...

ס. מאַבלין

מיך שרעקט, אַז גאָר דיין פּראַכט און גאָר דיין חן איז אַזוי פאַלש,
אַז דו האָסט נאָר אויף אַ ווײַלע פאַרנאַרט מיין האַרץ, מיין בליק;
מיך שרעקט, אַז גאָר דיין פּראַכט און רייץ וועט דאַרבען גרינג און שנעל —
און ניט אַזוי האָב איך געמאָהלען זיך מיין שעהנסטען גליק...

אַ, קינד, אַ, זאָג מיר, אַז דו האָסט דאָס נאָר געשפּאַסט מיט מיר,
דערצעהל מיר, אַז ניט דאָ איז אימערצו געווען דיין היים,
נאָר אַז דו קומסט פון יענעם וויַיטען, צויבערליכען לאַנד,
וואו כ'זעה דיך אימער שוועבען אין אַ הערליך־שעהנעם טרוים...

און דריק מיך שטאַרקער, ווילדער צו דיין יונגער הייסער ברוסט,
און קוש מיך פייערדיגער, שטאַרקער, ליעב מיך אָהן אַ שיער:
לאָז מיך זעהן און פיהלען נעהענטער גאָר דיין קראַפט און פּראַכט,
ווי ניט געפעלשט, ווי עכט און שטאַרק און שעהן איז אַלץ אין דיר...

ווען איך געה נאָר

ווען איך געה נאָר צו מיין ליעבסטער,
מוז איך אימער ברייגנען איהר
א מתנה, א סך אוצרות,
וועלכע איך פארמאג אהן שיער.

עס באשטעהען ניט די אוצרות,
וואס איך ברייגג איהר יעדען מאל,
פון דעם ריינסטען גאלד און זילבער,
אדער גאר פון זיידענס, וואל.

איהר וועט קיינמאל גאר ניט טרעפען,
מאגט איהר קלערען גאר ווי לאנג,
וואס עס קען פון מיר מיין ליעבסטע
בעטען אימער, אלס געשאנק.

כ'מוז איהר אימער מיט זיך ברייגגען
א פאר ל י ג ע נ ס פריי און שעהן.
טאמער האב איך ניט די אוצרות —
מאג איך אין דער היים דאן שטעהן...

ווי איך טרעט איהר שוועל נאר איבער,
בעט זי ביי מיר ליגענס גלייך:
מיינע פרייע, שעהנע ליגענס
מאכען זי גאר זעלטען־רייך.

ס. מאַכלין

כ׳וועל פון איהר געליעבט נאָר אימער,
ווייל איך לייג נאָר שעהן און גרויס,
ווייל איך בין אַ קוואַל פון ליגען,
וועלכער שעפּט זיך גאָר ניט אויס...

ס׳ליעבט מיין ליעבסטע ניט דעם אמת:
ס׳איז דער אמת טרוקען, בייז:
ס׳לאָזט דער אמת זי ניט טרוימען,
ס׳ברייננגט דער אמת אומגליק בלויז...

ס׳גלויבט מיין ליעבסטע נאָר אין ליגען,
נאָר דעם ליגען זעהט זי קלאָר:
ס׳איז דער ליגען פאַר איהר הייליג
אין אַ טרוים און אויפ׳ן וואָהר.

זאָג איך קיינמאָל איהר דעם אמת,
וויעג איך זי מיט ליגענס איין,
כ׳ברייננג זי מיט די ליגען מיינע
אין די הימלען גלייך אריין.

איך פאַר׳שכור זי מיט ליגענס
וועגען ליעבע, פרייהייט, מאַכט:
ס׳שיינקען איהר די ליגענס מיינע
אַלץ פון וואָס זי טרוימט און טראַכט.

•

נאָר מיין ליגען קען זי האַלטען
אייביג שעהן און אייביג יונג —
כ'האָב פון איהר דעם טויט פאַרטריבען
מיט מיין ווילדען ליגען־שוואונג...

איך פאַר'שכור זי מיט ליגענס,
און איך קריעג דערפאַר אלם לוין:
נאָר איהר ליעבע. נאָר איהר טרייהייט.
נאָר איהר צויבערליכען חן.

און איך ווער פון מיינע ליגענס
אפט פאַר'שכור'ט נאָר אליין.
כ'הויב גאַנץ אפט אליין צו גלויבען.
אז דער ליגען איז נאָר שעהן...

און איך האָף. ס'וועט גאָט ניט האַלטען
מיינע ליגענס פאַר א זינד: —
מיינע ווילדע, שעהנע ליגענס
מאַכען גליקליך דאָך א קינד...

ס. מאַכלין

דער ערשטער קוש

ניט אמת, אז איך קוק יעצט אוים
אזוי ווי ניי־געבאָרען?
ניט אמת, אז איך בין גאָר שטאַרק
פארענדערט יעצט געוואָרען?
ניט אמת, אז איהר האָט מיך יעצט
געקענט גאָר קוים דערקאָנען?
אַ, זאָגט מיר, טו איך אייך ניט יעצט
אַן הימעל נאָר דערמאָנען?...

קוק איך יעצט ניט אוים, ווי איך קום
פון הימעל גלייך צושוועבען,
וואו עס האָט אַנפּלעקט מיר גאָט
דעם שענסטען סוד פון לעבען?...
וואו איך האָב דעם שענסטען גליק
דאָך ענדליך איינגענומען —
און אז איך בין יעצט אויף דער ערד
נאָר אויף אַ ווייל געקומען?...

איך ווייס ניט, צי איך מאָג מיט אייך
מיין גרויסען גליק זיך טיילען:
איך ווייס ניט, צי איך מאָג פאר אייך
גאר פון מיין גליק דערצעהלען...
צי וועט איהר קענען גאר מיין גליק
דען אפּשאַצען, באַנעהמען?
צי וועט איהר ניט מיט אייער בליק
איהם אויסלאַכען, פאַרשעהמען?

דאך — זאָל זיך זיין גאר וואָס עס וויל,
איך קען יעצט שטיל ניט שווייגען:
איך מוז דערצעהלען פון מיין גליק,
איך מוז דער וועלט איהם צייגען...
עס האַט מיין ליעבסטע צו מיר היינט
גאר נאָהענט זיך געבויגען
און צום ערשטען, ערשטען מאָל
געקושט מיר אין די אויגען...

ס. מאַכלין

שרעקסט מיך אָפּ

שרעקסט מיך אָפּ מיט דיינע אויגען,
און דיין קוש טוט אָפּטאָ מיר וועה.
פון דיין שעהנקייט און דיין ליעבע
ברעכט זיך אָפּ מיין הארץ אין צוויי.
איך האָב מורא אז דיין ליעבע
און די אויגען טיעף און שווארץ,
וועלען טויטען מיר מיין יוגענד,
נאָר דאָס שעהנסטע פון מיין הארץ.

מיט דיין ליעבע און דיין שעהנקייט,
האָסטו אָפּט מיין שטאָלץ פארשוועכט,
האָסט אוועקגערויבט מיין פרייהייט,
מאַכסט נאָר אָפּט מיך פאר א קנעכט...
כ'האָב געזינדיגט נעגען הימעל,
ווען דו האָסט עס נאָר באַפעהלט —
ביסט די הערשערין געוואָרען
פון מיין הארץ און פון מיין וועלט.

דו האָסט געלאַכט

דו האָסט געלאַכט, געלאַכט פון מיר
געלאַכט גאָר בייז און פיעל
פון אלץ וואָס איך האָב ליעב אהן שיער,
וואָס איך פאַרגעטער שטיל...

דאָך, גלויב, איך פיהל צו דיר קיין האָס,
איך שווער עס דיר ביי גאָט!
איך האָב אין דיין געלעכטער ניט
געפיהלט דעם בייזען שפּאָט...

עס האָט געקוויקט דיין לאַכען מיך,
דו האָסט געלאַכט גאָר שעהן —
האָסט לאַכענדיג פאַרבלענדעט מיין אויג
מיט דיינע ווייסע ציין...

ס. מאַכלין

תפילה

גוטע מלאכים, מיין הארץ ווערט צוריסען,
בעט איך אייך, שיינקט מיר א קוויקונג די נאַכט.
שלעפערט מיך איין מיט די זיסטע געזאַנגען
און ווייזט מיר א חלום פון זעלטענעם פראַכט...
ס'האָט מיר דער טאָג ניט געבראַכט קיינע פריידען.
דער טאָג איז געווען מיר גאָר פינסטער, גאָר טריעב.
ס'איז מיר דער טאָג היינט פאַרביטערט געוואָרען
פון דער, וואָס מיין הארץ האָט אם היילינסטען ליעב...

ס'האָט מיין געליעבטע דעם טאָג מיר פאַרפינסטערט;
און געטאָן האָט זי דאָס מיט אן אייגציגען בליק —
טו איך אייך בעטען, איהר גוטע מלאכים,
שיינקט מיר די נאַכט גאָר דעם הייליגסטען גליק.
ווייזט מיר א חלום, ווי ס'שטעהט מיין געליעבטע,
פאַרשעהמט און צובראָכען אהינטער מיין טיר
און בעט זיך ביי מיר מיט א ביטערען יאָמער,
אז כ'זאָל זיך כאָטש איינמאָל נאָך ווייזען פאַר איהר...

ווידער, ווידער

ווידער, ווידער איז א מלאך
לעצטע נאכט צו מיר געקומען
און אויף זיינע ווייסע פליגלען
אין די הימלען מיך גענומען...
און אין הימעל האָב איך ווידער
מיין געליעבטע דאָרט געפונען,
וועלכע איז פאָר פיעלע יאָהרען
אזוי ווייט פון מיר אנטרונען.

און עס איז די ליעבסטע מיינע
מיר אנטקעגען גלייך געשפּרונגען,
און געקושט מיך ווילד, אָהן אויפהער,
און פאַר פרייד געלאַכט, געזונגען...
און איך האָב פאַרצייהט איהר נעכטען
וואָס זי איז פון מיר אנטלאָפען —
און דאָס האָט אַלץ מיט מיר ווידער
איז א חלום נאָר געטראָפען.

ס. מאַבלין

איין וואָרט נאָר

א וואָרט, איין וואָרט נאָר, ארויסגעשעפּטשעט אזוי שטיל,
און וועה, ווי טיעף ס'האָט איינער דיזען וואָרט דערהערט! —
ווי א ווילדער דונער האָט דער וואָרט געקראַכט פאר איהם,
ווי א דונער וואָס דערשטיקט נאָר, וואָס צעשטערט...

א וואָרט, איין וואָרט נאָר, ארויסגעשעפּטשעט אזוי שטיל,
און וועלכע אומגליקען ער האָט דאָס גלייך געבראַכט:
ווי גרינג ער האָט פאר'סמ'ט דאָס גאַר יונגע הערצער צוויי,
וואָס האָבען אימער אזוי שעהן געליעבט, געלאַכט...

זאָלסט ניט קומען מעהר

דו זאָלסט ניט קומען מעהר צו מיר
אין הייליגע עקסטאַזען —
מיט דיינע פרומע, שטילע רייד,
די אויסגעוועפּטע פראַזען.

איך האָב נאָר יעצט דיין „בלומען־שפּראַך“,
די ציערליכע מאַניערען.
גענוג צו זיין דיר אַזוי פרום,
גענוג דיר קאַקעטירען.

גענוג דיר צו מאַסקירען זיך —
ווי ווערט דיר ניט דערעסען,
צו שפּיעלען אימערצו אַ ראָל,
אלס „הייליגע פּרינצעסין“?

דו שפּיעל ניט מעהר פאַר מיר די ראָל,
שוין צייט דו זאָלסט זי בייטען —
דו טאַנץ פאַר מיר אַמאָל אַ טאַנץ
אַ ווילדען, אַ פאַרשייטען...

פאַרבייט אַמאָל דיין נאָנען־קלייד
אויף אַ וואַקכאַנקע־קליידעל.
אַ, שפּיעל יעצט אַ וואַקכאַנקע־ראָל,
אַ, זיי אַ גוטע מיידעל.

ס. מאַכלין

נאָך א שטערן

(מיין בן־יחיד אוירווינג געווידמעט)

נאָך א שטערן האָט אונז אויפגעשיינט אין הימעל,
נאָך א סוד איז פאַר אונז היינט אַנטפּלעקט געוואָרען:
נאָך א מלאך וועט אויף אונזער יעצט שוועבען —
נאָך א קינד האָט אונז א מוטער היינט געבאָרען...

ברייננט אהערצו גלייך די שענסטע בלומען־קראַנצען,
און לייגט זיי אויף דער מוטער'ס הארץ אנידער
און קניהט זיך דאָ ענטציקט, באַגייסטערט אלע,
און זינגט אין כאָר די שענסטע קינדער־ליעדער...

זאָל קיין שנאה און קיין צער אהער ניט גרייכען,
איעדער הארץ וואָס איז פון שנאה נאָר פאַרפראָרען,
זאָל זינגען יעצט א ליוב־געזאַנג צום לעבען —
עס האָט א מוטער היינט א קינד פאַר אונז געבאָרען...

ששש...

ששש... פּאַמעלעך ווי איהר געהט.
געהט ניט ווייטער... שטעהט דאָרט, שטעהט...

קומט ניט צו צו י ע נ ע ר טיר,
קוקט פון ווייטען נאָר אויף איהר...

שרייט דאָ ניט צו הויך, צו שטאַרק,
מיט דעם לשון פון דעם מאַרק...

טוט דאָ ניט קיין שווערען טראַט —
ס'ועט דערפאַר אייך שטראָפען גאָט...

יענער קליינער צימער דאָרט
איז אַצינד אַ הייליג אָרט:

ס'טרוימט אַ מלאך דאָרט אַצינד —
ס'שלאָפט דאָרט זיס מיין איינציג קינד.

ס. מאַכלין

ביי מיר

בײַ מיר איז ניט קיין ווינטער יעצט.
די צייט פון טויט, פון טריעבע.
עס האָט דער ווינטער ניט צעשטערט
מיין פריהלינג־פרייד, מיין ליעבע.

ער האָט ניט וויסט געמאַכט מיין וועלט
פון זונענשיין און בלומען:
און כ׳גלויב גאַרניט, אַז עס וועט ווען
דער ווינטער צו מיר קומען...

ביי מיר איז אַלץ נאָך פריהלינג־צייט,
די צייט פון לעבען, בליהען:
עס קלינגען אַלץ נאָך אין מיין האַרץ
די שעהנסטע מעלאָדיען.

עס האָט מיין וועלט גענומען יעצט
נאָך שעהנער בליהען, שטראַלען.
דער ווינטער האָט אַנטפּלעקט מיר גאָר
די שעהנסטע לעבענ׳ס־קוואַלען.

דעם ווינטער איז מיין שעהנסטער טרוים
פאַרווירקליכט גאָר געוואָרען —
עס האָט דעם ווינטער סאַפּיע דאָך
אַ קינד פאַר מיר געבאָרען.

אַ הויז אָהן קינדער

איך האָב ניט ליעב אַ הויז אָהן קינדער,
איך ווייך מיט שרעק נאָר פון דער הויז.
מאָג זיין די הויז ווי ניי, ווי פּרעכטיג,
זי איז פאַר מיר אַ קבר בלויז...

עס שיינט ניט אין דער הויז די שכינה,
אַ בייזע קללה הייננט אויף איהר:
עס וואַכען דאָרטען שוואַרצע שדים
ביי יעדען פענסטער, יעדער טיר...

איך האָב נאָר ליעב אַ הויז פול קינדער:
דאָרט שטעהען מאַמעס אויף דער וואַך,
דאָרט זינגען מאַמעס ליו־ליו־ליעדער,
דאָרט זיינען שפּיעלצייג דאָ אַ סך...

איך ליעב צו זעהן ווי קינדער שמייכלען,
איך ליעב צו זעהן זיי טאַנצען ווילד:
איך קוויק זיך מיט אַ קינד'ס אַ שפּיעלצייג,
איך קוויק זיך מיט אַ קינד'ס אַ בילד...

אַ הויז, וואָס איז נאָר פול מיט קינדער,
איז פאַר מיר אימער פּרעכטיג, ניי.
דאָרט טרוים איך מיינע שעהנסטע טרוימען,
דאָרט בין איך אימער יונג און פריי...

ס. מאַכלין

אין וועג

ווייטער געה איך ניט. דאַ וועל איך זיך אָפּרוהען אַ צייט.
איך האָב אוועקגעוואַנדערט שוין האַ־האַ, האַ־האַ ווי ווייט!

איך בין שוין מיעד פון וואַנדערען: עס וועט ניט זיין קיין זינד,
ווען איך וועל זיך, אין דעם וואונדערליכען לאַנד, אָפּרוהען אצינד.

ווי גוט וואָלט זיין צו רוהען דאַ, צו בויען זיך אַ היים:
דאָס לאַנד איז אזוי שעהן: דאָס לאַנד איז ווי אַ טרוים...

און כ'האָב דאָך אַנגעזאַמעלט שוין אוצרות אָהן אַ שיעור:
איך בין געקרויינט שוין פאַר מיין מיה. געגוג וועט זיין פאַר מיר.

דאָך, נייז, איך קען ניט רוהען אין דעם צויבערליכען לאַנד,
עס ציהט מיר ווייטער אַ שטאַרקע אומזיכטבאַרע האַנד...

„דו ביזט נאָך אַלץ ניט צוגעשוואוּמען צו דיין היים, דיין ברעג,
דו דאַרפסט נאָך וואַנדערען גאָר לאַנג און פיעל אויף דיזען וועג.

שטראַלען

דער וועג איז ווייט נאָך ; און ווייטער איז דער וועג נאָך שעהנער פֿיעל.
נאָר אין וואַנדערען וועסטו געפינען דיין גליק און ציעל...

דו ביזט נאָך ניט געקרוינט, דו מוזט פאָראויס, פאָראויס נאָך געהן,
ווען ניט—פאַרבלייבסטו עלענד, הילפלאָז נאָר פון הינטען שטעהן."

איך געה... איך וועל ניט אפּשטעלען זיך אויף דעם אָרט אויף לאַנג.
איך געה... געשטאַרקט מיט נייעם מוט, מיט פרייד און מיט געזאַנג...

עס וואַרט אויף מיר דאָך ערגעץ מיין היים, מיין שעהנסטער גליק.
איך מוז פאָראויס נאָר שוועבען, אויב איך וויל ניט געהן צוריק.

איך געה, ביז וואַנען איך וועל קענען מאַכען נאָר א טראַט,
וואוהין דו וועסט מיך פיהרען נאָר, דו גרויסער, גוטער גאָט.

שטיפערייען

"But this I know—I love to play."

—William Wordsworth.

ס. מאַכלין

מיינע תאוות

מיינע תאוות צו די פרויען
האָט מיין שכל שוין באַזיעגט:
אויך די תאוה צו דער „כוסה“
האָט מיין „חכם“ שוין דערשטיקט.

און די „ליידענשאַפט“ צו עסען
און ארומגעהן שעהן געקליידט,
און צו לעבען רוהיג, גליקליך —
האָט מיין שכל אויך געטויט...

און נאָך פיעלע, פיעלע תאוות
האָט געטויטעט מיין פארשטאַנד:
נאָר מיין ליידענשאַפט צו ד י כ ט ע ן,
ז'ער צו טויטען ניט אימשטאַנד...

ס. מאַכלין

מיין ליעבלינג - פּאָעט

איך האָב איהם געקרוינט פאַר מיין „ליעבלינג־פּאָעט".
פאַר'ן גרעסטען און הערליכסטען שטערען:
איך ליעב, איך פאַרעהר איהם אזוי ווי א גאָט,
כ'וועל אייביג איהם ליעבען און עהרען.
איך קען ניט פאַרגלייכען קיין דיכטער מיט איהם,
ס'קען קיינער מיר איהם ניט פאַרבייטען —
ס'ענטציקט מיך גאָר הייליג זיין יעטווידע ליעד,
אין שעהנע און ביטערע צייטען...

איך ליעב יעדע ליעד וואָס זיין פעדער נאָר שאַפט,
ער זינגט נאָר פון הימעל, פון פריידען:
איך פליה מיט זיין ליעד אין די הימלען אריין,
עס ווייזט מיר זיין ליעד דעם גן־עדן.
זיין יעטווידעס וואָרט דרינגט אין האַרצען מיר טיעף
און וועקט דאָרטען גלויבען און האָפען —
מיין גרויסער, מיין שעהנער, מיין „ליעבלינג־פּאָעט",
דאָס בין איך אליין — האָסט געטראָפען!

איך האָס די לידער

איך האָס די לידער מיינע.
אז כ'לעז זיי ווען נאָך איבער,
דאָן הויבט מיך אָן צו ברענען
א בייזער בושה־פיבער...

איך האַלט די לידער מיינע
פאַר טויט־געבויר'נע קינדער:
עס מאַכען מיך די לידער
זיך פיהלען ווי א זינדער.

איך שעהם זיך דורך די לידער
אין הימעל אָפט צו קוקען —
די לידער וואָס איך מפיל,
וואָס טויגען ניט צום דרוקען.

ס. מאַכלין

זאָלסט ניט וויינען

זאָלסט ניט פלוכען, וויינען
יעדען מאָל גאָר ביטער,
ווי מען וואָלט פאַרבלוטיגט
און געפלאָגט דיך שטאַרק.
ווען דו דאַרפסט זיך לאָזען
איינקויפען נאָר עפּעס
אויף דעם אימער־רייכען,
פולען לעבען׳ס־מאַרק...

זאָלסט ניט קאַרגען, זיפצען
יעדען מאָל גאָר ביטער,
ווען דו מוזט נאָר נעמען
פון דיין טאַש דיין געלד.
זאָלסט דיין געלד פאַרשווענדען
לייכטזיניג און מונטער,
ווי דער פרינץ דער רייכסטער,
ווי דער גרעסטער העלד.

האַלט דיין געלד ניט אימער
אין דיין טאַש פאַרזיגעלט:
קענסט עס ד א ד פאַרלירען
ווי א גרויסער נאַר —
מוזט עס אימער היטען
פון גנבים קלוגע —
זאָלסט זיך ניט פאַרשאַפען
פאַר דיין געלד קיין צער...

זאָלסט דיין געלד פאַרשווענדען,
ווי דו וועסט עס קריגען;
קויף גאָר גלייך זיך איינעט
אַלץ נאָר וואָס דיר פעהלט —
כאַפּ אריין פון לעבען
גלייך נאָר פיעל ס׳איז מעגליך,
לאָזט גאָר שנעל זיך וואוילגעהן
אין דער שעהנער וועלט.

לייג ניט אָפּ אויף מאָרגען,
לייג ניט אָפּ אויף שפּעטער,
ווייל עס קען דער „שפּעטער"
זיין פאַר דיר צו־שפּעט —
מאָרגען קען דיין רייכטום
ווערען פאַר דיר ווערטלאָז,
מאָרגען קען דער לעבען
געבען דיר א גט...

ס׳האָט דיין געלד נאָר דאמאָלס
גאָר די העכסטע ווערדע,
ווען דו גיסט עס אויס נאָר
לייכטזיניג און פריי.
מוזט דיין געלד פאַרשווענדען
גלייך און שעהן און מונטער —
וועסט דאָך מוזען שטאַרבען
א קבצן סיי־ווי־סיי!

ס. מאַכלין

געדיינקסטו ?

געדיינקסטו דעם אווענט,
אין סאַד ביי סטעפּאַנען ?
די ביימער זיי זיינען
שמונה־עשרי געשטאַנען.

אין הימעל שפּאַציערט האָט
די בלייכע לבנה,
דער טשיזשיק געזונגען
האָט זיס, מיט כונה.

און מיר אויפ׳ן גראָז זיינען
שוויגענד געזעסן,
און האָבן פאַר זיסקייט
דאָן ריידען פאַרגעסן...

און דו האָסט פאַר׳חלומ׳ט
צו מיר זיך געטוליעט,
און ס׳האָט אזוי ווילד זיך
מיין הארץ דאַן צוהוליעט.

געקושט דיינע ליפּען,
דיין האַלז, דיינע ברעמען,
און דו האָסט באַקרוינט מיך
מיט צערטליכע נעמען —

שטראַלען

ווען פּלוצלונג, געדיינקסטו,
פון צווישען די קוסטען
א שאָרך האָט דערהערט זיך,
דיין טאַטענ'ס א הוסטען?...

און אונז, האָט א טיאַכקע
געטאָן דאָן אין האַרצען? —
אוי, ווער האָט ערוואַרט דאָן
א סוף, אזא שוואַרצען?...

— — — — — — — — — — — — —

געדיינקסטו דעם אָווענט
אין סאָד ביי סטעפּאַנען? —
פיעל צייט, ליעבע חייקע,
אַוועק איז פון דאָן אָן —

ווי היינט נאָך געדענק איך
דעם ערטעל אין שאָטען:
דיין פלאַמענדען קוש
און די פּעטש פון דיין טאַטען!

ס. מאַכלין

א דאַטשע - העלד

ניט וואַרף אויף מיר ארויף די שולד אין גאַנצען,
ניט ברוגז זיך אויף מיר אליין נאַר, קינד.
ניין, איך אליין וואָלט קיינמאָל ניט באַגאַנגען
די טאַט, וואָס דו באַטראַכסט פאַר אזא זינד...
איך האָב געהאַט אויך מיטהעלפער גאָר שטאַרקע,
וואָס האָבען מיך געצוואונגען צו דער טאַט:
צו קושען דיינע אויגען, דיינע ליפּען,
צו קושען דיך, מיין טייערע, ביז זאַט.

פאַרגעס ניט, ליעבסטע, אז ס'איז דאָן געוועזען
א שעהנע, בלויע, זומערדיגע נאַכט,
און אין א פעלד א דופטיגען, א פרייען,
ווען ס'האָט קיין אויג אין דערפעל ניט געוואַכט.
באַשולדיג אויך די זומער-נאַכט-לבנה,
דעם זומערדיגען צויבער פון דעם פעלד —
ניט וואַרף אויף מיר ארויף די שולד אין גאַנצען —
אין שטאָדט ביז איך, מיין קינד, א קנאַפּער העלד.

שטעל דעם זייגער

שטעל צוערשט דעם זייגער אָפּ —
נאָכהער לאָמיר, ליעבסטע מיין,
טאַנצען אונזער ווילדען טאַנץ,
טרינקען פון דעם שטאַרקסטען וויין.

שטעל צוערשט דעם זייגער אָפּ:
כ׳וויל ניט הערען זיין טיק־טיק:
כ׳וויל ניט ער זאָל ווייזען אונז
ווי ק ו ר ץ געדויערט האָט דאָס גליק.

ס. מאַכלין

דו קושט מיך

דו קושט מיך און כ'בין גליקליך גאָר אָהן שיער,
און ס'געפעלען מיר אויך דיינע ווילדע רייד,
אז דו געהערסט נאָר מיר, נאָר מיר אליין,
אז א י ך בין נאָר דיין גאָט, דיין העכסטע פרייד.

כ'בין גליקליך — כאָטש איך וויים דאָך אזוי גוט,
אז ווען דו וועסט אוועקגעהן נאָר פון מיר,
דאַן וועסטו גלייך א צ ו ו י י ט ע ן קושען היים,
און לייגען איהם און חנפה'נען אָהן שיער...

עס פיהלט מיין הארץ קיין איבערזוכט קיין פיין,
וואָס דו באַטריעגסט מיך אזוי אָפען, פריי:
עס טרייסט מיין הארץ זיך, ווייל זי וויים דאָך גוט
אז דו ביזט י ע נ ע ם אויכעט דאָך ניט טריי...

ער ליעבט אין איהר

„איך ליעב אין דיר דאָס הייליגע, דאָס שעהנע,
איך ליעב אין דיר נאָר דאָס וואָס לעבט נאָר אייביג:
איך פאַרגעטער נאָר דיין ריינעם גייסט, דיין זעעלע,
וואָס קענען קיינמאָל ניט ווערען ערדיש, שטויביג"...

און פלאַפּלענדיג די שעהנע, הויכע ווערטער,
האָט דער „הייליגער" גאָר ווילד צו זיך געצויגען
איהר זעלטען־שטאַרקען און פרישען מיידעל־קערפּער
און געפּליקט איהם מיט די ליפּען, הענד און אויגען.

ס. מאַכלין

זי און ער

(יעקב מאַרינאָוו—א מתנה)

זי — א גאַנץ פשוט'ע מיידעל,
ער — א פּאָעט־דעקאַדענט.
מיט דער הילף פון א גאָט צי א טייפעל —
בקיצור: מען האָט זיך באַקענט.

און ס'מאַכט דער פּאָעט קיינע שהיות,
פאַרליבט זיך אין מיידעל גאָר באַלד.
באַזינגט דעקאַדענטיש זיין ליעבסטע
און קריגט פאַר זיין זינגען געהאַלט.

און זי, די גאַנץ פשוט'ע מיידעל,
נעהמט ערנסט דעם דיכטערלינג'ס רייד,
באַשליסט זיך, אז ער איז איהר חתן
און נעהט שוין א חתונה־קלייד.

דערוויסט זיך מיט שרעק אונזער דיכטער
איהר פשוט־פּראָזאאישען מיין:
אנשטאַט איהם צו ליעבען און שפּייזען,
זי וויל צו דער חופּה גאָר געהן!

דאָס איז דאָך אַ חוצפּה, אַן עזות!
וואו איז דאָ דער גראַם און דער טראַפּ?
נו, זאָטעלט ער אַן זיין פּעגאַזוס
און טראָגט זיך אַוועק אין גאַלאָפּ.

עס וואָלט זיך געענדיגט פּאַטיש
פאַר איהם, דעם פּאַעט־דעקאַדענט:
צום אומגליק האָט ס'מיידעל צוויי ברידער,
מיט גראָבע פּראָזאַאישע הענט...

זיי האָבען ווי דינה'ס צוויי ברידער
געלאָזען זיך גלייך אין געיעג,
און האָבען געפּאַקט אונזער דיכטער,
וואָס ווייטער פּאַסירט האָט — ניט פרעג...

מאָראַל: דעקאַדענטען־פּאָעטען,
ליעבט מיידלעך מיט געלד פיעל איהר קענט,
נאָר היט זיך פאַר מיידלעך וואָס האָבען
צוויי ברידער מיט אייזערנע הענט!

ס. מאַכלין

אַדיע!

אַדיע, מיין ליעבער האַלבער דאָלער,
אַדיע, אַדיע, אויף אַלע צייטען!
איך וועל דיך קיינמאָל מעהר ניט אַנזעהן,
אפילו ניט אין טרוים, פון ווייטען...

עס וועט ניט העלפען מיר מיין קלאַגען,
עס וועט ניט העלפען מיר קיין ריכטער —
איך האָב מיין ליעבען האַלבען דאָלער
געליהען צו א יונגען דיכטער.

אזוי איז ער א איד

אזוי איז ער א איד מיט אלע, אלע פּישטשיוועקעס :
מיט זיין נאָז, מיט זיין אַקצענט, זיינע מאַנירען,
און ער שעהמט זיך ניט, חלילה, מיט זיין אידישקייט —
ס'וואָלט געמאַנט מיט איהם מיין פאָלק גאָר שטאַרק שטאָלצירען.

שרייבט ער אָבער ליעדער, שרעקליך, נ י ט קיין אידישע,
ער שרייבט נאָך ליעדער אויף גוי'שע סוזשעטען —
ער גנב'עט „זיינע" ליעדער פון די רוסישע,
פון די ענגלישע און אנדערע פּאָעטען...

ס. מאַכלין

לעז מיר פאַר

„לעז מיר פאַר די שעהנסטע לידער
וואָס איך אינספּיריר אין דיר" —
האָט פאַרלאַנגט אַמאָל די מוזע
פון דעם דיכטער, יאַנקעל שמיר.

און דער דיכטער האָט גאָר גערעזן
נאָכגעגעבען איהר באַנגעהר.
און זייט דאַן האָט זיך די מוזע
ניט געוויזען צו איהם מעהר.

שבת - קודש

הייליג איז פאַר מיר דער שבת:
שבת פלאַטערט שטאָלץ מיין פאַהן —
שבת זיץ איך ניט אין ווינקעל,
נאָר אין סאַמע אויבען־אַן.

שבת נעהם איך אַפ א אוצר,
וועלכער קלעקט מיר אויף א וואָך.
שבת, שבת, דאַרפט איהר וויסען,
נעהם איך אַפ מיין „פיידע" דאָך.

ס. מאַכלין

בעט ניט קיין פאַרצייהונג

בעט ניט קיין פאַרצייהונג, ענטשולדיג זיך ניט, ליעבסטע,
וואָס דו ביזט געקומען אַ גאַנצע שעה צו־שפּעט:
זאָל קיין זאָרג ניט קנייטשען דיין יונגען, זיסען פּנים,
איך בין אויף דיר ניט ברוגז פאַר דעם „גרויסען חטא“.

און דאַרפסט דערפאַר מיך, ליעבסטע, ניט רופען „גוטער מלאך“,
איך צייג דיר ניט אַרוים דאָ קיין גוטסקייט פון מיין זייט.
ווייס, אַז איך האָב אויך דאָך פאַרשפּעטיגט זיך די שטונדע —
ביזט געקומען, ליעבסטע, פּינקטליך צו דער צייט...

איך האָב דערצעהלט

איך האָב דערצעהלט מיין ליעבסטער,
אז פון דעם ערשטען קוש,
וואָס זי האָט מיר געשאָנקען
בגנבה, אויף איין פוס —

האָט גלייך גענומען בליהען
אין הארץ ביי מיר א רויז,
א רויז וואָס קען נאָר בליהען
דורך איהרע קושען בלויז...

יעצט קושט די ליעבסטע מיינע
מיך אָפט גאָר היים און שטארק —
און ס'בליהט ביי מיר אין הארצען
א גאַנצער בלומען־פּאַרק...

ס. מאַבלין

נאָר דאָס ניט

איך האָב מיך שוין ניט איינמאָל
באַגייסטערט שטאַרק און ווילד
פאַר שעהנע מיידעל־לאָקען,
פאַר אויגען פרום און מילד.

געליעבט האָב איך שוין פיעלע
פאַר ווייסע פערל־צייהן,
פאַר קאַרשען־רויטע ליפּען,
פאַר בעקלעך רונד און שעהן.

געליעבט כ'האָב אויך אַ מיידעל
בלויז פאַר איהר קליינער האַנד —
געליעבט דאָך האָב איך ק י י נ מ אָ ל
אַ פרוי פאַר איהר פ אַ ר ש ט אַ נ ד.

מאָרגען...

מאָרגען וועט שוין מיסעס וואַקס ניט קלאָגען
אויף איהר מזל אויף דעם שווערען.
מאָרגען וועט דעם גאַנצען טאָג איהר „מיסטער"
קיין קללה גאַר ניט הערען.

מאָרגען וועט די מיסעס וואַקס נאָר שמייכלען
אַזוי זיס און אַזוי איידעל:
מאָרגען קאַמט זי אויס די „לאָקען" איהרע
און טוט אַן אַ נייע קליידעל.

מאָרגען וועט זי איהרע „רומס" פאַרוואַנדלען
אין אַ ליכטיגען גן־עדן.
מאָרגענדיגער טאָג וועט פאַר איהר יאַנקלען
זיין אַ טאָג פון זיסע פריידען.

מאָרגען וועט זי מאַכען איהם אַ „סאַפּער"
וואָס ער קען געניסען זעלטען:
און געבען וועט זי איהם אַ שבועה, מאָרגען,
קיינמאָל מעהרער ניט צו שעלטען.

מאָרגען וועט זי, ווי אַ זיסע כלה,
אויף זיין ליעבער האַלז זיך הייננגען —
מאָרגען וועט איהר „ליעבינקער" דאָך זיכער
איהר זיין גאַנצע „פּיידע" ברייננגען.

ס. מאַכלין

דער אידעאַלער מאַן

א אידעאלען מאַן האָט, ביילע־דוואשע,
זי לעבט פאר איהם א אמת־גליקליך לעבען.
זי דאנקט גאָר היים און שטאַרק דעם מזל איהרען,
וואָס האָט איהר אזא גוטען מאַן געגעבען.

זי האַלט מיט איהם זיך שטענדיג אין באריהמען:
ער איז דאָך אזא גוטינקער, א שטילער:
ער שעלט זי ניט, ער האָסט זי ניט גאָר קיינמאָל,
ער טרינקט ניט און איז ניט קיין קאָרטען־שפּיעלער.

ער מאַכט א „שנאַפּס" אמאָל נאָר אין א יובל,
און שפּיעלט מיט איהר אַהן געלד ווען א „קאסינע":
ער גיט איהר אָפּ די גאַנצע „פּיידע" תמיד,
און ער מאַכט גאָר ניט דערביי קיין קרומע מינע...

שטראַלען

דער מאַנספערשוין וועט אויך חלילה, קיינמאָל,
ניט פלירטעוועז מיט פרעמדע מיידלעך, פרויען.
ער וועט זיין ווייבעל קיינמאָל־ניט באַטריגען,
איהר מאַגט איהם, ווי א מלאך, אלץ געטרויען...

אַ, דאַס איז א וואונדערליכער מאַנזביל,
א מאַן אזא ווערט זעלטען גאַר געבאָרען.
און ס'מאַג מיט איהם זיין ווייבעל, ביילע־דוואַשע,
באַריהמען זיך גאַר אלע איהרע יאָהרען.

און וואָלט דען נאַר א פּראַסטע ביילע־דוואַשע
מיט א מאַן אזא באַריהמען זיך און לאַבען?
וואָלט ניט איעדע, יעדע פרוי זיך ווינשען
א מאַן אזא — א גליק אזא צו האַבען?...

ס. מאַכלין

די גרעסטע שאַנדע

„אַרימקייט איז ניט קיין שאַנדע“
ס'איז א שוידערליכע פראַזע !
ס'האָט זי אויסגעטראַכט דער רייכער
צו געניסען עולם־הזה...
„אַרימקייט איז ניט קיין שאַנדע“
ס'איז א כיטרער, פרעכער ליגען,
וואָס דער רייכער האָט ערפונדען,
זיינע שקלאַפען צו פאַרוויעגען.

אַרימקייט איז י אָ א שאַנדע,
יאָ, די גרעסטע וואָס קען געבען !
ניהר זואָס שאַפט א וועלט מיט אוצרות
'אַרפט זיך ש ע ה מ ע ן אָרים לעבען !
יאָ, צו מאַכען רייך און גליקליך
אַן אומזיסטע פרעסער־באַנדע,
איז דאָס ניט, איך פרעג אייך מענשען,
גאָר די ערגסטע, גרעסטע שאַנדע ? !

דער אומגעווינשטער איד

"Jews need not apply."

פון אן אַנאָנסע.

„אידען זאָלען זיך ניט מעלדען",
לעז איך צווישען די אַנאָנסען —
כ'לעז דאָס אָבער מיט א שמייכעל,
קרייזלענדיג גאָר שטאָלץ די וואָנסען...

„אידען זאָלען זיך ניט מעלדען" —
ס'איז א קאָמפּלימענט דעם אידען.
ס'האָט דער „באָס" פאַרשאַפט מיר עהרע,
און איך דאַנק איהם שטאַרק צופרידען.

ווען א „באָס" האָט פיינט א אידען,
ווען ער קען נאָר דוקא שטימען
מיט די ליעבע גוטע גוים —
האָב איך דאָן דעם בעסטען סמן —

אז זיין „שאָפּ" איז נאָר א „סוועט־שאָפּ"
און דער „באָס" — א שקלאַפען־טרייבער,
אז ער מוז נאָר דוקא האָבען
וויסטע שקלאַפען, וויכע לייבער —

ס. מאַכלין

ווען איך ענדיק

וועלכע ער זאָל אימער קאָנען
גרינג באַרויבען און צושטערען:
וועלכע זאָלען גאָר ניט וואָגען
געגען איהם זיך וועגן צו וועהרען.

און דער קלוגער „באָס" מוז ווייסען,
אַז אַזוינע ווייסטע שקלאַפּען,
וועט איהם אָנקומען גאָר ביטער
ביי די אידען זיך צו שאַפען.

אידען זיינען „הענד" גאָר שלעכטע,
אידען טאָר קיין „באָס" ניט דינגען —
אידען זיינען ניט קיין שקלאַפּען
וואָס מען קען גאָר גרינג באַצווינגען.

אידען מוזען זיין נאָר פיהרער,
אידען מוזען נאָר באַפעהלען:
אידען בעל מלאכות ווילען
מיט דעם „באָס" גאָר „אונטערקנעלען"...

שטראַלען

אידען בעל מלאכות זיינען
מיט קיין „באָס" גאָר ניט צופריעדען:
זיי פאַרגינען זיך צו ווינשען
גאָר די אוצרות וואָס זיי שמידען.

אידען בעל מלאכות ווייסען
ווי מען דאַרף א „באָס" באַהאַנדלען.
ווי מען קען א „שאָפּ", א גהינום,
אין א פּאַראַדיז פאַרוואַנדלען.

דינגט דער „באָס" ניט קיינע אידען,
דינגט ער נאָר א גוי, א גולם —
ס'האט דער „באָס" נאָר ליעב דעם אידען
וואָס איז צוגעשמידט צום צלם...

ס. מאַכלין

א פּאָעט

ס'האָט געבּרענט איהם און געשטיקט א ווילדע קעלט,
און געפּלוכט האָט ער גאָר ווילד דעם פראָסט דעם גרויסען
דער ווינטער האָט צואיושעט זיך גאָר ווילד
און ע ר האָט גאָר געמוזט פארבּלייבּען דרויסען.

פארגעסען אַז דעם דיכטער האָט די וועלט,
ס'האָט יעדער בּיי זיין פייער זיך געטוּליעט:
נאָר ס'איז דאָך ניט פארפראָרען מיין פּאָעט,
ער האָט באַלד זיך שטאַרק דערוואָרימט און צוהוליעט.

ס'האָט זיך פּלוצלונג גאָר צובּליהט פאַר איהם די ערד
ס'האָט די זון פאַר איהם גענומען וואַרעם שטראַלען:
ס'איז פּלוצלונג גאָר מיין פריהרענדען פּאָעט
א ווינטער־ליעד א שעהנע איינגעפאַלען.

דער איד

דער איד האָט דער וועלט פיעלע אוצרות געשיינקט:
א גאָט און די גרעסטע פּראָפעטען,
דעם הערליכסטען טרוים און דעם העכסטען געדאַנק,
די נאָבעלסטע דיינקער, פּאָעטען.
דאָך ווערט ניט דער איד פון דער וועלט שטאַרק געעהרט
פאַר די גרעסטע און שעהנסטע מתנות.
ער ווערט גאָר דערפאַר פון דער וועלט נאָר געפּלאָגט,
געפּייניגט אָהן שיער, אָהן רחמנות.
און ווייסט, אז די וועלט איז אין גאַנצען גערעכט,
זי איז קיין שום זינד ניט באַגאַנגען,
דערפאַר וואָס זי האָט ניט געזוננען ענטציקט
צו דעם איד קיינע שבחים, געזאַנגען.
דער איד האָט די ליידען גאַנץ כשר פאַרדיענט,
ער ליידט פאַר א שווערען פּאַרברעכען,
דער איד האָט דער וועלט אויך פיעל שלעכטעס געטאָן
זי מוז איהם צופליקען, צושטעכען...
זי האָט פאַר זיין זינד ניט גענוג איהם געשטראָפט,
ער האָט נאָך צו ווייניג געליטען —
דער איד האָט דאָך אויך אויף דער וועלט נאָך געבראַכט
די קרעציגע א נ ט י ס ע מ י ט ע ן ...

ס. מאַכלין

עקסטראַ, עקסטראַ !

עקסטראַ, עקסטרא ! קויפט א עקסטרא !
גוטע נייעס פאר אלע אידען :
צאַר פּאַגראָמשטשיק זאָגט שוין ודוי,
און די מעכטע זוכען פריעדען.
עסטרייך־דייטשישע ארמעען
האבען מאסקווא שוין גענומען :
און זיי וועלען אין א שטונדע
„צארסקאיע סעלא" באַקומען.

דייטשלאַנד וועט באפרייען רוסלאַנד
פון איעדען שווארצען המן —
ס'ענדיגט זיך דעם אידען'ס גלות,
אוים „טשערטאַ" און אוים פּאַגראָמען.
עקסטרא, עקסטרא ! קויפט א עקסטראַ !
איהר וועט שפּעטער זי ניט קריגען —
ווייל עס קען דאך לאנג ניט לעבען
אזא ליעבער, זיסער ליגען...

די נייעסטע ערפינדונג

די נייעסטע ערפינדונג פון דעם היינטיגען יאָהרהונדערט:
צו רוקען אַלע זייגערס אויף אַ גאַנצע שעה פאָראויס.
מען זאָגט אַז די ערפינדונג איז גאָר געניאַל און צייטיג,
מען זאָגט אַז איהרע נוצען וועלען זיין גאָר גוואַלדיג־גרויס.
זי וועט אונז פיעל פאַרשפּאָרען אין עלעקטריצעט און קוילען,
זי וועט אונז מאַכען ליכטיגער און גרעסער פיעל דעם טאָג:
מיר וועלען מיט איהר זיכערער „געווינען די מלחמה“,
זי וועט באַדייטענד שטילען אונזער שווערען, גרויסען קלאָג...

אַ י ד אָבער האַלט ווייניג פון דער „ליכטיגער“ ערפינדונג,
עס צווייפעלט זיך מיר עפּעס צו זי קען אונז נוצליך זיין —
דערפאַר אָבער האָב אַ י ד יעצט אַ ערפינדונג אויסגעפונען
וואָס וועט אונז זיכער ברייינגען גאַנצע ימים פרייד און שיין.
זאָל לאָזען מיך די וועלט נאָר דעמאָנסטרירען מיין אידעע
און כ'וועל דאַן זיכער מאַכען גאָר דעם הערליכסטען פּוראָר.
איך ראָט: עס זאָל נאָר יעדערער אַ רוק געבען זיין ל ו ח,
מען זאָל צ ו ר י ק איהם רוקען אויף אַ דריי־פיער טויזענד יאָהר...

ס. מאַכלין

דאַן וואָלט גאָר די מלחמה ניט פאַרצווייפלען קיינעם ביטער,
דאַן וואָלט ניט שרעקען קיינעם דער ים פון מענשען־בלוט,
וואָס ס׳האַלט יעצט אין פאַרגיסען, אויף די שלאַכט־פעלדער און
היימען.
דער ווילדסטער מענשען־שונא, דער שוידערליכסטער ברוט.
דאַן וואָלט קיין מענש ניט זוכען אַזוי שטאַרק קיין פרייהייט, ליעבע,
ניט וואַרטען יעדער שטונדע אויף דעם גרויסען פריעדענס־גליק —
דאַן וואָלט זיך יעדער קענען גאָר גרינג און זיכער טרייסטען,
ווען ער וואָלט נאָר אין זיין לוח געגעבען נאָר א בליק...

עס וואָלט דאָך איהם דער לוח דאַן געוויזען ו ו א ו מיר האַלטען,
אז ער לעבט דאָך נאָך אין אַנפאַנג פון א ווילדער, שוואַרצער צייט,
אין דער צייט, ווען יעדער איינער מוז דערווייל נאָך זיין א יון,
ווען יעדער מוז נאָך טראָגען א קינזשאַל נאָר ביי זיין זייט...
און ס׳וואָלטען מענשען־טרוימער דאַן נאָך קענען שעהן אַלץ טרוימען,
אז אין ה י י נ ט י ג ע ן יאָהרהונדערט וועט שוין זיין א נייע וועלט:
אז ס׳וועט ביי א ו נ ז שוין הערשען די שעהנסטע פרייהייט, ליעבע—
דאַן וועלען זיי כאַטש שטאַרבען פול מיט האָפנונגען באַזעעלט...

שטראַלען

אין יענעם טאָג...

יענער טאָג איז געוועזען דער הייליגסטער יום טוב,
יענעם טאָג האָט די וועלט זיך אויף אייביג באַפרייט
פון דעם שרעקליכסטען אומגליק דעם שרעקליכסטען שונא,
וואָס האָט זי געפייניגט, געשטיקט אזא צייט.

יענעם טאָג האָט איעדער געיובעלט, געזונגען,
יענעם טאָג האָט אין יעטווידען מענשען ערוואַכט.
דער גלויבען אין ליעבע, אין פרייהייט, אין לעבען —
יענער טאָג האָט אונז ענדליך דעם פריעדען געבראַכט.

נאָר א י ה ם האָט דער פריעדען גאָר ווייניג באַגייסטערט,
נאָר ער האָט דעם טאָג ניט געטאַנצט מיט דער וועלט:
עס האָט יענעם טאָג איהם געשטיקט אזא וועהטאָג —
עס האָט צו זיין ליעד איהם א ג ר אָ ם אויסגעפעהלט...

ס. מאַכלין

וויעגט א טאַטע

וויעגט א טאַטע זיין בן יחיד,
מיט א כעס מיט א שווערעז,
ברומענדיג נאָר ווילד א וויעג־ליעד,
אז ער זאָל אנשלאָפען ווערעז.

נאָר זיין זוהנדעל וויל ניט שלאָפען,
נאָר ער רייסט זיך ווי א וויכער —
ברומט דער טאַטע נאָך פיעל העכער,
וויעגט ער איהם נאָך שטאַרקער, גיכער...

נאָר זיין זוהן וויל דאָך ניט שלאָפען,
ס'וויל זיין זוהן דאָך אלץ ניט שטומען,
ס'ווערט דאָס קינד נאָך בייזער, ווילדער
פון זיין טאַטענ'ס וויעגען, ברומען...

פלאצט די גאַל שוין ביי דעם טאַטען
און ער הערט איהם אויף צו וויעגען,
און ער לאָזט אליין זיין זוהנדעל,
און ער לויפט אראָפ די שטיגען...

ווערט גענעזען זיין בן יחיד,
ווערט ער גאָר א קינד א נייער,
מאַכט ער צו די אויגלעך זיינע
און שלאָפט איין גאָר זיס און טהייער.

און אז ס'קיהלט זיך אָפּ דער טאַטע
און ער קומט צולויפען אויבען,
און געפינט זיין קינד שוין שלאָפען —
קען ער זיך דאָס גאָר ניט גלויבען...

קוקט ער לאַנג ענטציקט, מיט עהרפורכט,
ווי עס שלאָפט דער „קדיש" זיינער,
און, ער שעפטשעט: זוהן מיין ליעבער...
וואונדערליכער חכם מיינער...

ס. מאַכלין

צוקריגסטו זיך

צוקריגסטו זיך מיט איינעם
און יענער האָט געוואָגט
אויף דיר זיין האַנד צו הויבען —
דאַן ענטפער איהם מיט טאַקט.

דאַן זאָלסטו ניט פאַרלירען
אין גאַנצען דיין פאַרשטאַנד,
דאַן זאָלסטו גלייך ניט הויבען,
אויף איהם דיין פויסט, דיין האַנד...

דו ענטפער מיט א שמייכעל
נאָר אויף זיין ערשטען קלאַפּ:
דו מאַד זיך ווי זיין קלאַפּ וואָלט
געאַרט דיך אזוי קנאַפּ.

פאַרגיב דעם ערשטען קלאַפּ איהם
נאָר ווי א גוטער קריסט —
דו וועסט מיט דעם איהם ציינען
ווי קלוג, ווי שטאַלץ דו ביזט...

שטראָלען

נאָר טאָמער האָט דיין ענטפער,
דיין האַנדלען שעהן און גוט
געגעבען נאָר דיין שונא
נאָך מעהרער חוצפה, מוט,

און ס'הויבט זיין האַנד זיך ווידער
צו געבען דיר אַ קלאַפּ,
דאַן זאָלסטו מעהר ניט שמייכלען,
דאַן גיב נאָר גלייך אַ כאַפּ

וואָס ס'וועט דיין האַנד נאָר קריגען
און לאָז עס גלייך אַראָפּ,
מיט גאָר דיין גאַנצען כח,
אויף דיין שונא'ס קאָפּ.

ס. מאַכלין

מיט א לשון

מיט א לשון האָט גאָט געטאָן בענשען
דעם מענש נאָר. א חיה באַזיצט ניט קיין שפּראַך.
דאָך האָב איך געטראָפען שוין חיות א סך
וועלכע האָבען א שפּראַך פון א מענשען...

איהר קריעגט פאַר געלד

איהר קענט קריגען פאַר געלד: כשר פלייש, כשר וויין,
אַ כשר'ע באַד און אַ כשר'ען שוויין —
איהר קריגט דאָס פאַר געלד; איהר קריגט אָבער ניט
פאַר קיין געלד אויף דער וועלט אַ כשר'ען איד...

ס. מאַכלין

די וועלט

שטענדיג טענה'ט ער מיט גאַל:
אז די וועלט איז נאָר א שטאַל.
אמת, אמת. פאַר א שוויין
מוז די וועלט א שטאַל נאָר זיין...

מיין לאַנדסמאַן

מיין לאַנדסמאַן שמואל גרין,
האָסט רוסלאַנד, ווי א שפּין,
ווייל ער האָט דאָרט, אוי ווער,
געהייראַט מיט זיין פרוי...

ס. מאַכלין

זי איז

זי איז אזוי פּרום, אזוי כשר,
זי איז אזאַ הייליגער שאַץ:
אַ, גאָט, נעהם זי צו אין די הימלען —.
ווייל ד אַ איז פאַר איהר ניט קיין פּלאַץ...

איך בין אַ זוהן

איך בין אַ זוהן
פון דעם „אייביגען וואַנדערער“.
איך וואַנדער אום —
פון איין מיידעל צו דער אנדערער...

ס. מאַכלין

עפּיטאַפיע

א שוויגער

אין דיזען קבר ליעגט מיין שוויגער.
כ'האָב געליעבט זי אהן קאַטאַוועס —
פון זינט עס האָט זי צוגענומען
דער זיסער, ליעבער מלאך־המות.

שטראַלען

עפּיטאַפּיע

דעם פרעהליכען בענני

אט דאָ ליעגט דער פרעהליכער בענני,
דער גוואַלדיגער לעב־יונג און ספּאָרט.
ס'איז דער איינציגער מאָל איז זיין לעבען
וואס ער ליעגט אויף א „הייליגען ארט"...

ס. מאַכלין

ווערטלעך און גראַמען

מען קנייפּט די באַק די פאַרב זאָל שטעהן.
מען נאַרט ניט יענעם נאָר זיך אַליין.

אויף א פאַרשיוועו פערד שטעלען זיך אַלע פליגען.
אויף א יונגען בוים שפּרינגען אַלע ציגען.

ביסטו א בהמה טאָ קייזשע שטרוי.
א קלוגער פאַרשטעהט פון איין וואָרט צוויי.

ווער עס ברויכט א סך קען פיעל ניט שפּאָרען.
א גנב מוז האבען א גוטען זכרון.

א פוילער שליח צורייסט נאָר די שיך.
יעדער בעל־דרשן דרשנ׳ט פאַר זיך.

א שוטה ווערט ניט אַלט און וואַסער ווערט ניט זויער.
„דלות, קאַך מיר לאַקשען״! — „עס איז ניטאָ קיין אייער״.

קיינער שרייט ניט „אוי״, ווען עס טוט ניט וועה.
אז מען קאַכט מיט שטרוי, בלייבט דאָס עסען רוי.

אז ד ו זאָרגסט ניט פאַר זיך, טאָ ווער זאָל פאַר דיר זאָרגען?
ווער עס וויל נאָר באָרגען, דער זאָל קומען מאָרגען.